STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02111

UNDZER VEG IN DER HISTADRUT

Aharon Becker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן בקר

אונדזער וועג אין דער הסתדרות

דער רעפעראַט אויף דער צענטער קאָנפערענץ
פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל (מפא"י)
פעברואַר, 1965

אייר תשכ״ה • תל־אביב • מאי 1965

דפוס קואופ׳ „אחדות״, ת״א

א.

מיר הויבן אָן צו באַטראַכטן די הסתדרות־ענינים אַן ערך דריי חדשים פאַר די וואַלן צו דער צענטער קאָנפערענץ פון דער הסתדרות. אויפן ערשטן בליק איז עס נישט קיין צו פאַסיקע צייט צו קאָנטראָלירן און אַנאַליזירן אַזאַ קאָמפּליצירטן לעבעדיקן אָרגאַניזם, ווי די הסתדרות, צו פאַרנעמען זיך מיט אירע פּראָבלעמען — צווישן זיי גאָר שאַרפע פּראָבלעמען, וואָס קאָנטאַקטירן זיך כמעט מיטן גאַנצן נערוון־סיסטעם פון אונדזער ווירטשאַפטלעך און געזעלשאַפטלעך לעבן. אָבער די גוטע טראַדיציע פון אונדזער באַוועגונג איז צו קאָנטראָלירן גרינטלעך איר וועג, אין דער צייט ווען זי פילט די נויטווענדיקייט אין אַזאַ קאָנטראָל. אַזאַ עפנטלעכע אַחריותדיקע אויפקלערונג האָט אונדז נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעשוואַכט בעת אַ קאַמפּאַניע; ס׳האָט זי בלויז פאַרשטאַרקט און צוגעגעבן די דעצידירנדיקע אונטערשטיצונג פון דער עפנטלעכקייט.

ביי די ניין הונדערט טויזנט חברים פון דער הסתדרות וועלן גערופן ווערן צו די וואַל־אורנעס און מיט זייערע שטימען וועלן זיי דעצידירן וועגן דעם וועג פון דער הסתדרות אויף די נאָענטסטע יאָרן; דעם וועג, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אויף גאָר דער וועלט — סיי אין פּרט פון דערגרייכונגען, סיי אין פּרט פון שוועריקייטן.

די פּראָבלעמען פון דער מדינה האָבן אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַר־

נומען דאָס צענטראַלע אָרט אין דער מערהייט באַטראַכטונגען און דיסקוסיעס פון דער הסתדרות. די פּאַרטיי איז טאַקע נישט איינמאָל גערופן געוואָרן צו באַטראַכטן ברען־פּונקטן, וואָס זענען אויפגעקומען פון מאָל צו מאָל אויפן געביט פון דער הסתדרות, אָבער צום עצם פון די הסתדרות־פּראָבלעמען האָט זיך די פּאַרטיי כמעט נישט צו־גערירט זייט דעם אַנטשטיין פון דער מדינה. ווי די אָנפירנדיקע פּאַר־טיי זענען מיר אינגאַנצן פּאַרטון אין דער שווערער אַחריות און עול פון טאָג־טעגלעכער אַרבעט. מיר ווערן כמעט יעדן טאָג אויפגעפּאָ־דערט צו ענטפערן אויף פּראָבלעמען, אָפטמאָל זייער דרינגנדיקע און ערנסטע, וואָס די מדינה שטעלט פאַר אונדז. ווי די אָנפירנדיקע פּאַרטיי דאַרפן מיר נישט דערוועקן קיין פּראָבלעמען. זיי וועקן שוין אונדז. דאָס שטאַרק־דינאַמישע פליסנדיקע לעבן פון לאַנד באַשעפ־טיקט אונדז כסדר און אָן אויפהער און די פּאַרטיי האָט ווייניק מעגלעכקייטן צו וואַרפן איר שיין אויף פּראָבלעמען, וועלכע זי וואָלט וועלן אויפקלערן און אָנצייכנען פאַר זיי לעזונגען.

די איצטיקע שעה פון קאָנטראָל איז אָנגעקומען פאַר דער הסתדרות נישט דערפאַר, ווייל ס'האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון די, וועלכע גרייפן זי אָן און נישט ווייל יעדער איינער, וואָס טראָגט זיין פעקל פון זינד און פעלערן, ווייל זיי אַריבערוואַרפן אויף די פלייצעס פון דער גרעסטער און וויכטיקסטער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. אַ פאַקט איז, אַז די לעצטע יאָרן שטייען מיר פאַר אַ קאָנצענטרירטן בייזוויליקן אָנגריף פון קעגנער, וואָס אַן ענלעכן צו דעם האָט די הסתדרות געקענט בלויז אין די טעג פון גרונטיקע אַנטשיידונגען ביים אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד — אין אָנהייב פון

די דרייסיקער יאָרן. אָבער נישט פאַר דער באַדערפעניש צו דיס־קוטירן מיט קעגנער — לאָמיר מאַכן דעם חשבון מיט זיך אַליין. ווייל נישט ווייניקער דערפון שטייען מיר נישט איינמאָל פאַר ממש אומ־פאַראַנטוואָרטלעכע אָפּשאַצונגען פון בעסטע פריינד און אַפילו — זייט מיר מוחל — פון חברים. די שוועריקייטן, וואָס דרינגען אַרויס פון דעם צונויפקום פון פאַרשידענע גרונטיקע ענדערונגען אין אונ־דזער לעבן — וואָס אין אַ טייל פון זיי האָט נישט די הסתדרות קיין שום אָנטייל — פאַרוואַנדלען אָפּטמאָל מענטשן, פון צופיל זאָרג, אין קלאָג־לידער, וואָס זענען נישט אמתדיק און במילא — האָבן זיי נישט קיין שום ווערט — וועגן דער הסתדרות, אירע אויפטוען, אָדער אומפעיקייט עפעס אויפצוטון.

און אויב איך וועל, אין לויף פון מיין רעדע, בקיצור דערציילן וועגן דער אַרבעט פון דער הסתדרות, ווי אויך פאַרשטעלן אירע וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וועל איך זיך יעדנפאַלס באַמיען עס צו טון אין דער פאָרעם פון פאַרשטעלן אין אַ גלייכער מאָס אירע דערגריי־כונגען — וואָס זענען אַ סך און וואָגיק: און שוועריקייטן, — וואָס פעלן אויך נישט. פון דעם קוקווינקל וועל איך באַלויכטן די טעטי־קייט פון דעם לעבעדיקן און דינאַמישן אָרגאַניזם — די אַלגעמיינע הסתדרות — אין משך פון די לעצטע יאָרן.

ב.

געוויסע ציפערן זענען אַלעמען באַקאַנט: אין יאָר 1920 האָט די צאָל פון די הסתדרות־חברים באַטראָפן 4.433, ד"ה 8.2% פון דעם גאַנצן יידישן ישוב. אין יאָר 1947 — אַ יאָר פאַרן אַנטשטיין פון

דער מדינה — האָט די צאָל הסתדרות־חברים (אַריינרעכנענדיק זייע־רע פרויען) באַטראָפן 175,659, דאָס איז 42.5% פון גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד.

אַ יאָר פאַר די לעצטע הסתדרות־וואַלן, אין יאָר 1958, האָט די הסתדרות געציילט 654.000 חברים, וואָס האָט — צוזאַמען מיט זייע־רע פאַמיליעס — באַטראָפן 57.8% פונעם גאַנצן ישוב.

און אין סוף 1964, ווען דאָס לאַנד ציילט אַ באַפעלקערונג פון אי־בער צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן נפשות, דערגייט די צאָל פון די הס־תדרות חברים צו 880.000, ד.ה. צוזאַמען מיט די פאַמיליעס אַן ערך אַנדערהאַלבן מיליאָן נפשות. ובכן — 62%.

אין 27 יאָר ביזן אַנטשטיין פון דער מדינה האָט זיך די הסתדרות פאַרגרעסערט מיט 171 טויזנט חברים, ד.ה. — אין דורכשניט זענען יעדעס יאָר צוגעקומען צו 6 טויזנט חברים. דאַקעגן אין די 17 יאָר פון אונדזער מדינה, אַ דאַנק דער מדינה, האָבן מיר אַריינגענומען אין דער הסתדרות אַרום 700 טויזנט חברים. ד.ה. — איבער 41 טויזנט יעדעס יאָר דורכשניטלעך. זייט דעם אַנטשטיין פון דער מדינה איז דער יידישער ישוב געוואַקסן אַן ערך דריי מיט אַ האַלבן מאָל, דאַ־קעגן די צאָל פון די הסתדרות־חברים איז געוואָרן פינף מאָל אַזוי גרויס.

דער אמתער באַדייט פון די ציפערן און דאָס, וואָס דרינגט אַרויס פון זיי אויף אַלע געביטן פון דער אַבסאָרבציע אין דער הסתדרות, וועלן ווערן פאַרשטענדלעך בלויז ווען מיר וועלן אונטערשטרייכן, אַז נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן וווקס איז נישט געווען קיין קריזיס אין די דינסטן פון דער הסתדרות פאַר איר מיטגלידער־מאַסע — אין

דאָרף, שטאָט און די אַנטוויקלונג־ראַיאָנען; נישט אויף דעם פילבאַרן און קריטישן געביט פון מעדיצינישער דינסט, נישט פון קעגנזייטיקער הילף, אונטערשטיצונג, קולטור און אָרגאַניזאַציע. די הסתדרות־אינסטיטוציעס האָבן נישט בלויז אויסגעברייטערט זייערע דינסטן — זיי האָבן זיי אויך אַנטוויקלט און אויסגעבעסערט.

ג.

איך וועל דאָס אויבנגעזאָגטע אילוסטרירן מיט קאָנצענטרירטע פאַקטן און ציפערן, כמעט איינצלנע, ווייל מיר קאָנען איצט נישט אויסרעכענען בלויז אונדזערע דערגרייכונגען.

די מעדיצינישע דינסטן פון קופת־חולים נעמען איצט אַרום אַ מיליאָן אַכט הונדערט און פופציק טויזנט נפשות — אַרום 70 פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און דאָס איז דער עיקרדיקער פאַקטאָר פאַרן אָפּהיטן דאָס געזונט פון די בירגער. „משען" האָט אויסגעברייטערט די זקנים־היימען ביז טויזנט בעטן. די מועצת הפועלות קאָן זיין שטאָלץ מיט די קינדער־אינסטיטוציעס, וואָס זי פירט אָן, וועלכע קאָנצענטרירן צוואַנציק טויזנט קינדער אין די פעריפעריעס פון די שטעט. די אָפּטיילונג פאַר קליטה און אַנטוויקלונג איז געווען איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע אָנשפאַרן אין די אָרעמקייט־ראַיאָנען און זי אַרבעט אַלס הילפס־גורם און שותף צו די מלוכהשע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס פון קליטה און אַנטוויקלונג.

צענדליקער טויזנטער אַרבעטער זענען אַדורך די צוגרייטונג־אינסטיטוציעס פונעם מרכז לתרבות ולחינוך און אַ פילפאַך־גרעסערע

צאַל גענים פון אונדזער רעגולערער קולטור־ און אויפקלערונגס־ אַרבעט. די שול פאַר הסתדרות־טוער איז די קוזשניע פאַר די אַלע טעטיקייטן און מיר זענען אַלע שטאָלץ מיט דער אַרבעט פון דער שול און אירע רעזולטאַטן.

אונדזער פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך פאַרצווייגט אויף ווייטער־ דיקע לענדער און קאָנטינענטן. ביי דער זייט פון אונדזערע פעסטע פאַרבינדונגען מיט די לענדער פון אַפריקע, האָבן זיך אויך אויסגע־ ברייטערט די פאַרבינדונגען מיט די לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע און אַזיע. אונדזער פּאָליטישע טעטיקייט שטייט איצט פאַר שווערע פּרוּוון צוליב דער פילבאַרער דערשיינונג פון אַראַבער אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַרענע, אָבער ס'איז פאַראַן אַ יסוד צו גלויבן, אַז אין די כוח־צענטרען פון דער פרייער אַרבעטער־באַ־ וועגונג, וועט אויך אויף ווייטער אָפּגעהיט ווערן די געטריישאַפט צו ישראל.

דער אַפראָ־אַזיאַטישער אינסטיטוט האָט היי־יאָר דורכגעפירט דעם צענטן אַרויסלאָז און אין משך פון זיין פיר־יאָריקער עקזיסטענץ האָט ער דורכגעלאָזט 637 סטודענטן פון 58 לענדער אין אַזיע און אַפריקע.

35 טויזנט אַראַבישע אַרבעטער זענען אַריינגעטראָטן אין דער הסתדרות און זיי זענען חברים מיט גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן.

די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטנדיקער און לערנענדיקער יוגנט קאָנצענטרירט איצט 100 טויזנט יוגנטלעכע און צו איר פערציק־ יעריקן יובילײ גרייט זי זיך אַריינצונעמען אין אירע רייען אַ צען טויזנט נישט אָרגאַניזירטע יוגנטלעכע. דאָס שאַפן התיישבותישע קערן־גרופּעס — און דער לעצטער עטאַפּ: דאָס גרינדן אינדוסטריעלע

גרופּעס אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות — דאָס איז איינער פון די וויכ־טיקסטע קאָנסטרוקטיווע וועגן, אויף וועלכע די באַוועגונג איז לעצטנס אַוועק, צוריקקערנדיק זיך דערמיט צו די טראַדיציעס פון איר שיינער פאַרגאַנגענהייט, ווען די התיישבות איז געווען די קרוין פון איר דערציונג־אַרבעט.

אויך דער צווייג פון הסתדרותישער פיזישער דערציונג — דער „הפועל" — שלאָפט נישט אויף זיינע לאָרבערס. דאָס איז אַ ברויזנ־דיקע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס ציט אַריין צענדליקער טויזנטער יוגנט־לעכע אין דער ספּאָרט־טעטיקייט. קנאַפּע 80 טויזנט חברים זענען איצט פאַרייניקט אין די 567 אָפּטיילונגען פון „הפועל". אַ באַזונדערע וויכטיקייט האָט די טעטיקייט פון „הפועל" אין די גרענעץ־ישובים און אַנטוויקלונג־ראַיאָנען ווי אַ פּאָזיטיווע באַשעפטיקונג פאַר יוגנט אין די ערטער, וווּ די מעגלעכקייטן פאַר אַזאַ באַשעפטיקונג זענען, לײדער, באַגרענעצט.

די עלטערע אַרבעטער און פּענסיאָנערן זענען געווען אין קרייז פון די הסתדרות־זאָרגן — סיי פון מאַטעריעלן, סיי פון געזעלשאַפט־לעכן שטאַנדפּונקט. צו דער הסתדרות געהערן 6 טויזנט פּענסיאָנערן, אַלטע, געטרייע חברים, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע בעסטע כוחות פאַרן אויפבוי און באַפעסטיקונג פון דער הסתדרות. אין דעם הויז, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט, האָבן זיי געפונען זייער היים. די ברייטע פּלענער פון אַ געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט פון אונדזערע הילפס־אינסטיטוציעס — זיי זענען די בעסטע אַנטפּלעקונ־גען פון דער קעגנזייטיקער גוואַראַנציע, מיט וועלכער אונדזער הס־תדרות קאָן נאָך אַליץ שטאָלצירן.

די צאָל פאַרזיכערטע אויף פענסיע (כמעט אַ האַלבער מיליאָן) באַטרעפט 75 פּראָצענט פון אַלע לוין אַרבעטער אין לאַנד — פון דער העכסטער פּראָצענטמעסיקייט אין גאָר דער וועלט. די אַלגעמיינע סומע פון לייַ־קאַסע און פענסיע־געלטער באַטרעפט איבער אַ מי־ליאַרד ל״י.

מיר האָבן אויך נישט פאַרגעסן וועגן די ספּעציעלע באַדערפנישן פון די רעליגיעזע חברים אין דער הסתדרות. נישטאָ כמעט קיין איין געביט פון גייסטיקן און רעליגיעזן לעבן פון די דאָזיקע חברים, ס׳זאָל זיך נישט פילן די הילף פון דער אָפּטיילונג פאַר רעליגיעזע באַדערפנישן.

ד.

אַ גרויסע השפּעה אויף די דערגרייכונגען — אפשר די גרעסטע — האָט דער פאַקט, אַז אין די לעצטע יאָרן איז פאָרגעקומען ממש אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אינעם לעבנס־ניוואָ פון די לוין־אַרבעטער אין לאַנד; אַן ענדערונג, וואָס איר פאַרנעם, טיפקייט און טעמפּאָ האָט, דוכט זיך, נישט איר גלייכן אין דער פאַרגאַנגענהייט און נישט אין קיין שום אָרט אין דער וועלט.

דער רעאַלער וווקס פון דורכשניטלעכן פאַרדינסט פונעם לוין־אַר־בעטער אין די לעצטע צען יאָר האָט דערגרייכט 56 פּראָצענט פון זיין לוין. בלויז אין די לעצטע דריי יאָר, האָט דער וווקס דערגרייכט ביז 19 פּראָצענט.

דאָס איז טאַקע דער רעזולטאַט פון אונדזער אַנטוויקלונג, אָבער אויך נישט ווייניקע פון די פּריווילעגיעס אין געהאַלט און

סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן דורך דער הסתדרות און פון נאָרמאַלן, איינגעשטעלטן טאָג־טעגלעכן געראַנגל — אָן איבעריקע שטורמען און אָן טומל — (און אפשר אפילו מיט אַ ביסל אָן איבערגעטריבענער באַשיידנקייט) — פאַר די רעכט פון אַרבעטנדיקן און זיין אָנטייל אין דער נאַציאָנאַלער הכנסה.

דער וווּקס פון לוינען וועט נאָך בולטער ווערן אויב מיר וועלן באַטראַכטן די פאַנאַדערטיילונג לויט די הכנסה־קאַטעגאָריעס:

אויב אין יאָר 1960 האָבן בלויז 10% לוין־אַרבעטנדיקע פאַרדינט איבער די 500 ל״י אַ חודש, באַטרעפט אין יאָר 1964 זייער צאָל ביז 30%.

אין דער זעלבער צייט איז דער פראָצענט פאַרדינענדיקע ביז 300 ל״י אַ חודש געפאַלן פון 61 ביז 37.

דער דורכשניטלעכער רעאַלער לוין אין דער ווירטשאַפט איז אין יאָר 1962 געשטיגן מיט 4,4%, אין 1963 — מיט 5% און אין יאָר 1964 איז ער דערגאַנגען ביז 7%. דער גרעסטער פראָצענט פון וווּקס איז פאַרגעקומען אינעם רעאַלן לוין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע און בוי־אַרבעטער. פון 1961 איז דער לוין פון די קאַטעגאָריעס אַר־בעטנדיקע געשטיגן מיט 21%, לגבי 17% אין דער גאַנצער וויר־טשאַפט. זאָל צום זכות פון דער רעגירונג געזאָגט ווערן, אַז אויך דער וווּקס פון די פרייזן איז פאַרלאַנגזאַמט געוואָרן אין די לעצטע צוויי יאָר: אין יאָר 1963 — מיט 6.6%; אין 1964 — מיט 5%.

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז פאַרשטייט זיך געשטיגן דער לעבנס־סטאַנדאַרט און מיר וואָלטן געקאָנט דערויף ברענגען ביי־שפּילן פון פאַרשידענע געביטן. אָבער דאָס איז נישט נייטיק, ווייל

ס׳איז נישטאָ קיין איין לוין־אַרבעטער אין לאַנד, וואָס זאָל נישט פילן, אַז ס׳איז אים לייכטער געוואָרן צו לעבן — אפשר נישט תמיד אין אַזאַ גרויסער מאָס — אין די לעצטע צען יאָר און אַז די אַנטוויקלונג פונעם לאַנד האָט אים נישט אויסגעמיטן.

ה.

צי איז אַזאַ וווקס פון לעבנס־סטאַנדאַרט אָביעקטיוו באַרעכטיקט? איז טאַקע דאָס לאַנד אַזוי שעפעריש רייך געוואָרן, מען זאָל זיך קאָנען דערלויבן אויף אַזאַ וווקס פון סטאַנדאַרט? און צי איז דער גאַנצער וווקס געקומען אַלס רעזולטאַט פון פאַרשטאַרקן אונדזער שעפערישע מי און איר אויסגיביקייט? אַ פאַקט איז, אַז דווקא אין די יאָרן פון שפע איז אַלץ שווערער געוואָרן איינצופלאַנצן דעם באַ־וווסטזיין ביי די וועלכע האָבן די בכבודיקסטע קאַטעגאָריעס אין דער היעראַרכיע פון לוינען, אַז בעצם איז אַלץ, וואָס זיי האָבן באַקומען — אין די לוינען, אין די פאַרבעסערטע סאָציאַלע דינסטן, אין לע־בן־סטאַנדאַרט בכלל — איז נישט געקומען פון הפקר. די אַלע, וואָס מאַכן ווילדע שטרייקן און אַלס רעזולטאַט פון דעם פסולן דרוק דערגרייכן זיי נאָך אייניקע ל״י צו זייערע לוינען — די אַלע דאַרפן גוט געדענקען, אַז זיי גיבן דערמיט צו בלויז אַ שטויס (און ס׳איז אַ גרויסער ספק צי אַ פאָזיטיוון שטויס) דעם גאַנצן בנין פון לוינען און פריווילעגיעס, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון דער הסתדרות אין געראַנגלען און שווערע קאַמפּאַניעס. און די אַלע גרונטיקע זאַכן זענען דורך דער הסתדרות דערגרייכט געוואָרן נישט אין די טעג פון אויפשוווּנג און ווירטשאַפטלעכער קאָניונקטור — אין די צייטן פון

פולער באַשעפטיקונג און מאַנגל פון פאַכלייט, ווען ס׳איז גאָר נישטאָ קיין גרענעץ צו די לוינען — נאָר מערסטנטייל אין די צייטן פון אַרבעטסלאָזיקייט, פון גערעאַנגל פאַר יעדן אַרבעטס־טאָג און פאַר יעדן גרוש פון הוספה צו אַן אַרבעטס־שעה. ווען די חברים זאָלן זיך אַ ביסל פאַרטיפן, וואָלטן זיי אויך געהאַלטן, אַז בלויז די אַלגעמיינע סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטנדיקע און זייער צונויפשליסונג אין די פּראָפעסיאָנעלע רייען — בלויז זי קאָן פאַרזיכערן שטאַנדהאַפטיקע דערגרייכונגען.

צו אונדזער באַדויערן האַלטן זיי נ י ש ט אַזוי. דער קנויל פון פאַרשידענע גורמים — און טאַקע די שפּע גופא — האָבן געשאַפן אַ גרונט פאַר אַ פאַרקערטער אַנטוויקלונג פון צעטרייסלען די פאַרבינדונג מיט דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער אָרגאַניזאַציע, פון סעפאַראַטיסטישע טענדענצן און פון אייניקע אַנדערע נעגאַטיווע דערשיינונגען.

די צייטן פון עקאָנאָמישן אויפשוווּנג און פון פולער באַשעפטיקונג זענען בדרך כלל נישט קיין צייטן פון אויפשוווּנג פאַר פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אין ערגעץ נישט אין דער וועלט. די פאָדערונג פון אַרבעטס־מאַרק באַשטימט אין אַזעלכע צייטן די לוין־באַדינגונגען מער, ווי ס׳איז עס מסוגל צו טון וועלכער עס איז פּראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד. אונדזער לאַנד איז, ווייזט אויס, אין דעם פּרט נישט אַנדערש פון קיין שום לאַנד אין דער וועלט — כאָטש ס׳איז געווען אַ געוויסער גרונט צו טראַכטן, אַז די אַרבעטער פון דעם לאַנד, מיט זייער חלוצישער טראַדיציע, מיט דער זעלבדערציִונג צו באַשיידנקייט, וואָס איז געווען דאָ אַלע יאָרן אַזוי כאַראַקטעריסטיש —

וועלן נישט אַזוי גרינג מיטגעריסן ווערן אין דעם געיעג.

אין אַן איבערזיכט פון די פּראָפעסיאָנעלע פּראָבלעמען אין האַ־לאַנד אין דער איצטיקער תקופה, האָב איך געפונען פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע פעסטשטעלונג:

„צוליבן שווערן און לאַנגדויערנדיקן מאַנגל אין אַרבעטס־כוחות אין דער ווירטשאַפט, איז לעצטנס אויפגעקומען אַ שוואַרצער מאַרק פון לוינען, וואָס ברענגט אַריין אַ דעמאָראַ־ליזאַציע אין די אַרבעטס־באַציונגען און איז גורם ערנסטע פאַרוויקלונגען אין די לוין־אָפּמאַכן. פאַקטיש שטערט עס נישט ווייניק דעם גאַנג פון די אָנגענומענע פאַרהאַנדלונגען וועגן לוין־ענדערונגען. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען באַקלאָגן זיך שטאַרק אויף דער דערשיינונג און זיי שרעקן זיך פאַר נע־גאַטיווע השפעות דערפון אויף זייער טעטיקייט און פאַרבינ־דונגען מיטן כלל פון אַרבעטנדיקע".

אַזוי איז אין האָלאַנד. און זייער אַ כאַראַקטעריסטישע און גאָר גראָטעסקע באַשרייבונג וועגן מצב פון באַשעפטיקונג אין לאַנד, האָב איך לעצטנס געלייענט אין איינער פון די צייטונגען אין אַ דערציילונג וועגן אַ „קאַרטעל", וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט קעגן „כאַפּן" אַרבעטס־כוחות:

„דער לאַנגדויערנדיקער מאַנגל אין אַרבעטס־כוחות פאַר דער מערהייט פון די ווירטשאַפטלעכע צווייגן אין לאַנד האָט לעצטנס דערפירט צום „אויסכאַפּן" פון אַרבעטער. פאַר אַ סך נייע אונטערנעמונגען איז דאָס אויסכאַפּן פעיקע און דער־פאַרענע אַרבעטער — די איינציקע מעגלעכקייט צו באַקומען

פּאַכמענישע כוחות. דאָס אויסכאַפּן אַרבעטס־כוחות איז פאַר־בונדן מיט פאַרשלאָגן בעסער צו באַצאָלן, וואָס דערפירט אין אַ פאַרבאָרגענעם כאַראַקטער צו אַ נישט־אָפיציעלן, אָבער גאַנץ־אָנזעעוודיקן פאַרגרעסערן פון הוצאות אויף לוינען אין אונטערנעמונגען און דינסטן.

„אין די ראַמען פון די באַמיונגען צו שטערן דאָס אויסכאַפּן פון אַרבעטס־כוחות, האָבן לעצטנס אָנגעהויבן אונטערנעמונ־גען, וואָס געהערן צום זעלבןווירטשאַפטלעכן צווייג, צו מאַכן פאַרשטענדיקונגען נישט אויסצוכאַפּן פון זיך קעגנזייטיק קיין אַרבעטס־כוחות".

דאָס לייענען מיר אין דער דערציילונג.

און די פּאַקטישע לאַגע איז טאַקע, אַז ס'איז נישטאָ היינט צו־טאָג גענוג אַרבעטס־כוחות אין לאַנד: אין בוי־וועזן און אין דער אינ־דוסטריע, אין דער אָנפירונג און אינזשיניעריע, אין מעדיצין און פּעדאַגאָגיק. עס פעלן אַרבעטער אין שטאָט און אין דאָרף. אין משך פון די לעצטע פינף יאָר זענען צוגעקומען 150 טויזנט אַרבעטס־פּלע־צער אין דער ווירטשאַפט, ד.ה. — איבער 20% פון דער גאַנצער באַשעפטיקונג. אַזאַ וווּקס פון באַשעפטיקונג שאַפט זיך זיינע געזעצן אויפן אַרבעטס־מאַרק — געזעצן, וואָס באַדראָען אָפּטמאָל יעדע שיטה, אָדער יעדע פּאָליטיק פון לוינען.

ז.

און צו די גורמים פון נאָרמאַלן אויפשוווּנג, וואָס זענען אַ רע־זולטאַט פון דער אינדוסטריעלער, לאַנדווירטשאַפטלעכער און בוי־

אַנטוויקלונג, איז אין לאַנד צוגעקומען נאָך אַ גורם, וואָס האָט נישט קיין שורש אין וועלכער עס איז ווירטשאַפטלעכער ווירקלעכקייט און וואָס ציט אַרויף דעם דורכשניטלעכן לעבנס־סטאַנדאַרט ביי פאַר־שידענע קרייזן אין לאַנד און פון טויזנטער לוין־אַרבעטער — איבער די מעגלעכקייטן פון אונדזער ווירטשאַפט אין דער איצטיקער תקופה: דאָס זענען די שילומים און אינדיווידועלע אַנטשעדיקונגען.

ח.

צו די אַלע גורמים קומט צו אַן אַנדער גורם, אויף וועלכן מיר וואָלטן אפשר יאָ באַדאַרפט צו האָבן אַ גרעסערע שליטה, אָבער ס'איז שווער צו זאָגן, אַז מיר האָבן זי געהאַט: די לייכטע באַרייכע־רונג פון באַדייטנדיקע קרייזן פון אויסער די אַרבעטנדיקע — באָדן־אייגנטימער, פאַרמיטלער א.אַ. — וואָס דערפירט צום וווקס פון דער „גלאַנץ־געזעלשאַפט" אין לאַנד, אַ וווקס, וועלכער קומט אין אַ גרויסער מאָס פון אָנזאַמלען לייכטע פאַרדינסטן.

די אויסברענגערישקייט פון די קרייזן, וואָס דערמאָנט אין זייער רייכע לענדער — לענדער, ווו ס'ליגט אַ תהום צווישן דעם דינעם שיכט רייכע און דעם אָרעמען פאָלק — דאָס אַלץ דערוועקט אַ באַ־רעכטיקטע פאַרביטערונג איןברייטע פאָלקס־קרייזן.

וואָגיקע מיטלען פון באַשטייערונג האָט די רעגירונג לעצטנס אָנ־גענומען כדי מצמצם צו זיין די לייכטע באַרייכערונג־מעגלעכקייטן. מען דאַרף די דאָזיקע מיטלען נישט אָפּשוואַכן ביז די דאָזיקע גע־פערלעכע דערשיינונג וועט נישט פאַרשווינדן פון אונדזער סאָציאַל און ווירטשאַפטלעך לעבן.

ט.

אַלס רעזולטאַט פון די פּראָצעסן — לאָמיר זיך נישט שעמען מודה צו זיין — האָט זיך פאַרקלענערט אין אונדזער געזעלשאַפט דער רייץ פון אַרבעט, באַזונדערס: פון פיזישער אַרבעט. אין אונדזערע צייטן גייען מענטשן אַרבעטן ווייניקער צוליבן באַוווסטזיין און מער צוליב דער נויטווענדיקייט. די שטרעבונג צו אַנטלויפן פון אַרבעט, פון פיזישער מי און איבערצוגיין אין אַנדערע פּרנסה־צווייגן, איז אַ שטרעבונג, וואָס געפינט אַלץ מער אָנהאַלט אין פאַרשידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט.

דער פּראָצענט פון אַרבעטנדיקע אין שעפערישע צווייגן — לאַנד־ווירטשאַפט, אינדוסטריע, בוי־אַרבעטן — האָט באַטראָפן 49.8 אין יאָר 1960 און איז אַראָפּ אויף 49.7 היי־יאָר. דאָס איז נישט קיין פּריילעכע דערשיינונג, ווייל דער פּראָצענט אַרבעטנדיקע אין די פּראָדוקציע־צווייגן — אין פאַרגלייך מיט די באַשעפטיקטע אין פאַר־שידענע דינסטן — איז קיינמאָל נישט געווען צו גרויס אין אונדזער לאַנד און ער איז נאָך ווייט פון צופרידנצושטעלן אַזאַ פּראָדוקטיווע ווירטשאַפט, ווי עס דאַרף צו זיין אונדזער ווירטשאַפט. מיר זענען נאָך אין דעם פּרט שטאַרק הינטערשטעליק לגבי אַ סך לענדער. אויך דער פּראָצענט פון די אַקטיווע ישראלדיקע אַרבעטס־כוחות, אין פאַר־גלייך צו דער גאַנצער באַפעלקערונג, איז מיט אַן ערך 7% נידעריי־קער, ווי דער פּראָצענט פון אַרבעטס־כוחות אין די לענדער פון מע־רב־אייראָפּע (36%:43%).

י.

צוגלייך מיט דעם צענטראַלן פּראָצעס אַנטוויקלען זיך נישט ווייניקער געפערלעכע באַגלייט־פּראָצעסן. די געוויינלעכע אַרבעט, נישט פאַכמענישע, ווערט דער אָנטייל פון שוואַכערע סאָציאַלע שיכטן און צווישן אַלע מין פאַליוסן, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך אונדזער געזעלשאַפט, לאָזט זיך ליידער אויך פילן די דאָזיקע פּאָלאַריזאַציע אין די רייען פון אַרבעטנדיקן ציבור גופא.

יא

די ענדערונגען טרעפן אויך די געזעלשאַפטלעכע פעסטונגען פון אונדזער באַוועגונג — די התיישבות. די דערשיינונג פון פאַרדינגען דעם באָדן אין די מושבים איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן איינע פון די אַנטוויקלונגען, וואָס מיט זייער געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג — און אפשר נישט בלויז מיט דער געזעלשאַפטלעכער — רופן זיי אַרויס אונדזער גרעסטע זאָרג.

כ׳האָב נישט אויסגערעכנט די דאָזיקע בלויזן, וועלכע מיר פילן אַזוי שטאַרק אין דעם נערוון־סיסטעם פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן שאַפן, כדי צו געפינען דערמיט אַ טרייסט פאַר די בלויזן אין אַנדערע ערטער. און אונדזער קאַמף קעגן צעשטערן די דיסציפּלין דורך פאַרשידענע טעטיקייט־קאָמיטעטן אין אַ צאָל אַרבעטס־פּלעצער, וועלן מיר זיך נישט טרייסטן מיט דעם טרויעריקן און באַאומרואיקנדיקן פאַקט, וואָס גוטע זין פון די מושבים פאַראָטן די טראַדיציע פון זייערע עלטערן. איך האָב זיי אויסגערעכנט כדי מיר זאָלן זען דאָס בילד אַלס אַ גאַנצס און כדי מיר זאָלן זיך נישט לייכטער מאַכן די

אַרבעט — ווי עס פּרוּוון עס אַמאָל צו טון גוטע חברים אין ברען פון וויכּוח — און אַרויפצוּוואַרפן עס אויף איין פּלייצע. די געזעלשאַפט־לעכע פּרינציפּן, אויף וועלכע ס'איז אויפגעבויט געוואָרן דער גאַנ־צער סיסטעם פון אונדזערע אידעאַלן, זענען צוגעסמאַליעט געוואָרן — און נישט פון איין זייט.

יב.

די צעטרייסלונג פון די אַרבעטס־באַציונגען אין דער לעצטער צייט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער דערשיינונג פון ווילדע שטרייקן — דאָס איז איינער פון די רינגען, פון די צום מיינסטן דראָענדיקע רינגען, אין אָט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג.

די צאָל פאַרלוירענע אַרבעטס־טעג, אַלס רעזולטאַט פון אַרבעטס־סיכסוכים אין דער אינדוסטריע, בנין און קאָמוניקאַציע, איז געווען אין יאָר 1963 אין אייראָפּע (אויף יעדע טויזנט באַשעפטיקטע) צווישן 4 הונדערט און טויזנט הונדערט. דאַקעגן אין ישראל, ווו עס ווערן אין די חשבונות אַריינגענומען די עפנטלעכע דינסטן (און דאָרט זענען פאָרגעקומען די מערהייט שטרייקן) איז די צאָל בלויז 159. זענען מיר אויך אויף דעם געביט, — נישט בלויז אין דער אויסגיבי־קייט, — ווייט פון חשובע אַנטוויקלטע לענדער, וואָס אויך ביי זיי זענען ווילדע שטרייקן נישט קיין זעלטנקייט. אָבער, ווי געזאָגט, די פאַרגלייכן קאָנען אונדז נישט טרייסטן. די אַנטוויקלונג פון די אַקציע־קאָמיטעטן, דאָס אַראָפּוואַרפן פון זיך די עפנטלעכע אויפזיכט, דאָס פאַרבינדן די אַרבעטער־אינטערעסן מיט אַן ענגן צעכיסטישן גע־ראַנגל — דאָס אַלץ זענען אַליאַרם־סיגנאַלן.

איך דאַרף נישט אונטערשטרייכן, אַז אויך דער אינערלעכער מצב אין דער פּאַרטיי האָט אַ דירעקטע אויסווירקונג סיי אויף דער הס־תדרות אינגאַנצן, סיי אויף דער אינערלעכער דיסציפּלין פון אונ־דזערע פּאַרטיי־חברים און אויף דער מאָס פון זייער אונטערוואַרפן זיך דער אויפזיכט פונעם כלל, איינשליסנדיק זייער אייגענע פּאַרטיי.

יג.

פּאַראַן אַזעלכע, וואָס זעען די היילונג פון אַלע אונדזערע ווייטיקן אין צוואַנג־אַרביטראַזש. איך שלאָג פאָר די דאָזיקע חברים אַביסל צו זיין אָפּגעהיט אין פאַרשרייבן זיך אַליין דעם דאָזיקן רעצעפּט. ווייל וואָס זענען אויסן די אָנהענגער פון אַזאַ אַרביטראַזש? — זייער כוונה איז, פאַרשטייט זיך, איבערצוגעבן די צדדים געזעצלעכע פּרעראָגאַטיוון, וואָס זאָלן זיי דעצידירנדיק. ווער אָבער ס׳איז אויף אַן אמת באַאומרואיקט מיט דער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטס־באַ־ציונגען אין לאַנד, זאָל בעסער נישט פּרווון צו געפינען אַ טרייסט אינעם שויס פון אָט דער אילוזיע. ווייל נישט אויף מלוכהשער אַר־בעטס־געזעצגעבונג קאָן מען שטיצן די באַציונגען אין דער אַרבעט. נאָרמאַלע און רעגולערע אַרבעטס־באַציונגען ווערן אויפגעבויט אַלס רעזולטאַט פון קעגנזייטיקן ווילן און הסכם מצדביידע גורמים, וואָס ווירקן אויפן פעלד פון אַרבעט — דעם אַרבעטער און אַרבעטס־געבער. מען טאָר אָבער דערביי נישט אויסנוצן צום שלעכטן דאָס פעלן פון אַ מלוכהשער אַרבעטס־געזעצגעבונג, כדי צו דערפירן די אַרבעטס־באַציונגען צו אַ מצב, וואָס גרענעצט מיט מאַנגל פון אינער־לעכער דיסציפּלין און מאַנגל פון געזעלשאַפטלעכער אַחריות. כאָטש

די הסתדרות איז אַ וואָלונטערע אָרגאַניזאַציע, וואָס דער אַרבעטנדיקער געהער צו איר פון זיין פרייעם ווילן, הייסט עס נאָך נישט, אַז זי, די הסתדרות, וועט קאָנען אויף אַ לענגערער מעטע פאַרטראָגן דאָס צעשטערן די דיסציפלין, נישט אונטערוואַרפן זיך די באַשלוסן פון כלל און זיין אויפזיכט. רעגולערע אַרבעטס־באַציונגען וועלן זיך שאַפן דורך פרייער פראָפעסיאָנעלער טעטיקייט פון איין זייט און דורך אָפהיטן דעם עלעמענטאַרן חוב פון הסתדרותישער אחריות — פון דער צווייטער זייט. דאָס וואָס מ׳קאָן און מ׳דאַרף דורכפירן — דאָס, וואָס איז אין די אָנגענומענע גרענעצן און אָנצונעמען אין אונדזערע לעבנס־באַדינגונגען, איז:

א. אַ הסכם־אַרביטראַזש, אַלס נישט־צעטיילבאַרער חלק פון די אַרבעטס־אָפמאַכן אין עפנטלעכע דינסטן, כדי אויסצומיידן געפערלעכע שטרייקן אין לעבנס־וויכטיקע דינסטן — און מיר האָבן שוין געמאַכט אין פאַרגאַנגענעם יאָר דעם ערשטן שריט אין דער ריכטונג.

ב. דאָס פעסטשטעלן אַ וואָרנונג־טערמין צווישן דער מעלדונג וועגן שטרייק און זיין אויסברוך, כדי צו דערמעגלעכן די צדדים צו דערגרייכן אַ הסכם און אויסצומיידן דעם אויסברוך פון שטרייקן.

נאָר אין דעם, צוזאַמען מיט די וועגן צו פאַרשטאַרקן די אינערלעכע דיסציפלין אין דער הסתדרות — געפינט זיך דער וועג, וואָס זאָל אַפילו דערגיין ביזן אויסשליסן די שטערער פון אָרגאַניזירטן כלל אַרבעטנדיקע — איז די ריכטונג צו סטאַביליזירן די אַרבעטס־באַציונגען.

יד.

דער אמת איז, אַז בלויז געזעצלעך־אַדמיניסטראַטיווע מיטלען זענען נישט גענוג, ווייל זיי גיבן נישט קיין לעזונג צו דער געפערלעכער — ווי דער סיכסוך גופא — דערשיינונג פון אויפטרייסלען דעם אויטאָריטעט און נישט אָננעמען די אויפזיכט פון כלל אין דער היעראַרכיע פון פאָרשטייער פון די אַרבעטנדיקע אין אַלע אינסטאַנצן: פון די אַרבעטנדיקע — צו דער פאַרוואַלטונג, וואָס זיי אַליין האָבן אויסגעוויילט; פון דער פאַרוואַלטונג — צום אַרבעטער־ראַט, און צום פראָפעסיאָנעלן פאַריין — און אַזוי ווייטער ביזן וועד הפועל פון דער הסתדרות. אויב ס'איז פאַראַן אַ קריזיס — איז דאָס דער קריזיס. און אויב מיר וועלן ווידער נישט צונויפבינדן די רינגען; אויב מיר וועלן נישט מצליח זיין צוריק אומצוקערן אינעם גאַנצן חוט השדרה פון אונדזער אָרגאַניזם דעם גלויבן פון אַרבעטער אין זיינע פאָרשטייער — וועט דער גאַנצער אָרגאַניזם אָנהייבן צו וועלקן, ווי יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם, פון וועלכן מען ציט אַרויס די זאַפטן.

טו.

דאָס איז אַ קריזיס נישט אַלס פּועל־יוצא פון אידעאָלאָגישע שטויסקרעפטן. די זוימען פון דעם בונט און אַנאַרכיע זענען טאַקע פאַרזייט געוואָרן פון פּאָליטישע פּאַרטייען, אָבער בעצם איז עס אַ „גולם", וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן זיין באַשאַפער. דער אַקציע־קאָמיטעט, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן כדי כביכול צו דערגרייכן צוגאָבלעכע גוטס פאַר די אַרבעטער פון דער געגעבענער אונטערנעמונג —

פאַטשט אין דער זעלבער מאָס דאָס פּנים פון מפ"ם, אַחדות־העבודה, ווי ער פאַטשט אונדז דאָס פּנים. כאָטש לכתחילה האָבן עס די מינ־דערהייט־פראַקציעס געלערנט ווי אַזוי צו פאַטשן דאָס פּנים פון דער אויטאָריטאַטיווער פאָרשטייערשאַפט און ווי אַזוי זי אונטערצוגראָבן. דאָס איז אַ דערציִונג צו געזעלשאַפטלעכער אומפאַראַנטוואָרטלעכ־קייט און אַזאַ איז דער לוין דערפאַר.

אָבער דווקא דערפאַר ווייל דאָס איז אַ דערשיינונג, וואָס איז נישט באַגרינדעט אידעאָלאָגיש־פּאָליטיש, — איז דאָס פאַרנעמען זיך מיט דער דערשיינונג אַ סך קאָמפּליצירטער, דער פּרווו ראַציאָ־נעל צו איבערצייגן איז אַ סך שווערער און די מיטלען, מיט וועלכע מען דאַרף קעמפן קעגן דעם, — אויסרייסן עס מיטן וואָרצל, — זענען גיכער געזעלשאַפטלעך דערציִערישע מיטלען. מיטלען, וואָס וועלן יעדן אַרבעטנדיקן בולטער און דייטלעכער באַווייזן, אַז נישט עפּעס אַ העכערע אינסטאַנץ, וועלכע באַשעפטיקט זיך מיט דער קאָמ־פּליצירטער הויך־פּאָליטיק פון לוין, ווירטשאַפט און עקאָנאָמיק — אַז נישט אַזאַ אינסטאַנץ באַשטימט זיין גורל — נאָר בעצם ער אַליין, דער אַרבעטנדיקער. אַז נישט עפּעס אַ ווייטער פאָרום דעצי־דירט וועגן דערלויבטן און פאַרווערטן, דעם באַרעכטיקטן און נישט־ריכטיקן אין די עקאָנאָמישע פאָדערונגען, נאָר ער אַליין, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע נאָענטסטע פאָרשטייער, ווערט גערופן צום באַטראַכטן און צו אַחריות. קיין שום זאַך וועט דעם אַרבעטנדיקן נישט אומקערן דאָס געפיל פון צוטרוי און גלויבן, אַז ער געהערט טאַקע צו אַ געזעלשאַפט, וואָס איז פאַראינטערעסירט ער זאָל פּראָ־גרעסירן — און נישט בלויז צו צוימען אים — ווי דאָס געפיל, אַז

ער איז אַ שותּף צו דער דעציזיע און אַז פּאַקטיש דעצידירט ער אַליין.

טז.

דעם צוטרוי קאָן מען צוריק אומקערן מיט פאָלגנדיקע מיטלען:

א. אַ באַלדיקע דעמאָקראַטיזאַציע פון פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד דורך שאַפן פון דריי לאַנד־אָרגאַניזציעס פאַר אינדוסטריעלע אַרבעטער.

ב. די פולע באַטייליקונג פון די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטער־ראַטן ביים באַשטימען די לוין־פּאָליטיק.

ג. די העכסטע צייט צו פאַרזיכערן די דירעקטע פאָרשטייערשאַפט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן און פאַריינען — אין אונדזערע אַלגעמיינע אינסטיטוציעס און באַזונדערס: אין די ראַמען פון דער פּראָפעסיאָנעלער צענטראַלע.

ד. די אונטערהאַנדלונגען וועגן לאַנדישע קאָלעקטיווע אַרבעטס־אָפּמאַכן, אין הסכּם מיט דער לוין־פּאָליטיק, דאַרפן געפירט ווערן דירעקט דורך די לאַנדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און פאַרבאַנדן.

ה. דאָס דורכפירן די לוין־פּאָליטיק אויף די ערטער — אין הסכּם מיטן אויבן־געזאָגטן — דאַרף איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די אָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און אַרבעטער־ראַטן.

ו. דאָס אָרגאַניזירן אַ פאַרבאַנד פון אַקאַדעמיקער, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע אַקאַדעמישע באַרופן, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין דער הסתּדרות.

ז. אויספאָרשן די מעגלעכקייטן צו פאַרבעסערן די לוינען און אַרבעטס־באַדינגונגען אין די ערטער, ווו זיי זענען אָפּגע־שטאַנען, ווי אויך: שטעלן זיך בראש פון אַ קאַמפּאַניע, כדי צו דערגרייכן אויסבעסערונגען דאָרט, ווו ס׳איז מעגלעך און באַרעכטיקט.

ח. אַ גרויסער סאָציאַלער אויפשווּנג אויף צו דערהייבן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן אין אונדזער געזעלשאַפט.

ט. רעגולערע וואַלן — איין מאָל אין 4 יאָר — פאַר יעדן פאַרבאַנד, אָדער פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

י. די סעקרעטאַרן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און פאַרבאַנדן — סיי אָרטיקע, סיי לאַנדישע, — ווי אויך די חבֿ־רים פון די סעקרעטאַריאַטן, דאַרפן אויסגעוויילט ווערן דורך די געהעריקע אינסטיטוציעס.

יא. אַנטוויקלען דעם אָרטיקן אַרבעטער־קאָמיטעט ווי אַן אַלגעמיינעם רעפּרעזענטאַטיוון גוף פונעם אַרבעטס־פּלאַץ, פאַר־שטאַרקן זיין פּאָזיציע און זיינע רעכט; אַ סיסטעמאַטישע דערציערישע און אידעאָלאָגישע אַרבעט צווישן די חברים פון קאָמיטעט.

יב. פאַרשטאַרקן דעם אַרבעטער־ראַט אַלס אַ לעבעדיקן און אַקטיוון רינג אויף יעדן פעלד פון הסתדרות־ישער טעטי־קייט.

יג. אַ פאַראַלגעמיינערטע און קאָאָרדינירטע פּאָליטיק פון לוינען, שטייערן און רווחים פון דער גאַנצער ווירטשאַפט, אין דער פּלאַנירונג און פאָרמירונג פון וועלכער די הסתדרות

האָט אַ חלק. אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל איינפּלאַנצן אין האַרצן פון אַרבעטנדיקן די זיכערקייט, אַז נישט בלויז ער איז גערופן צו טראָגן אחריות און נישט בלויז ער ווערט געהאַמעוועט — נייערט, אַז נישט ווייניקער פון אים ווערן געהאַמעוועט די אַנדערע, נישט־אַרבעטער שיכטן.

אַ חוץ די ספּעציעלע פּראָבלעמען פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד און פּראָבלעמען פון חברת־העובדים, איז געקומען די צייט נאָכצו־קאָנטראָלירן דעם בוי פון דער גאַנצער הסתדרות — צי אַנטשפּרעכט זי אַ מיטגלידער־מאַסע וואָס דערנענטערט זיך צו אַ מיליאָן. צי זע־נען נישט פאַראַן קיין בלויזן אין די ביז־איצטיקע ראַמען, צי נויי־טיקן זיך נישט קיין ענדערונגען און אויב יאָ — וועלכע? דאָס איז אַן אַרבעט פאַר אַ לאַנגדויערנדיקער און גרונטיקער פאָרשונג, וואָס וועט אויך מחייב זיין נאָכצוקוקן די הסתדרות־קאָנסטיטוציע. אַ ספּע־ציעלע קאָמיסיע, וואָס וועט זיך דערמיט באַשעפטיקן, קאָן דערפילן אפשר איינע פון די לעבנס־וויכטיקסטע אויפגאַבעס צו דערנענטערן די הסתדרות צום חבר און דעם חבר — צו דער הסתדרות.

אויף אייניקע פון די פראַגן וויל איך זיך איצט ספּעציעל אָפּ־שטעלן.

יז.

רעדנדיק וועגן אַ גרעסערע דעמאָקראַטיזאַציע פון די לאַנדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן און וועגן געבן מער פרייהייט אין דער לוין־פּאָליטיק, איז מיין כוונה בשום אופן נישט געווען צו פּראָפּאַגירן אַ סעפּאַראַטיסטישע לוין־פּאָליטיק פון יעדן צווייג באַזונדער און נישט,

אַז יעדער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַרבאַנד זאָל זיך פֿירן זיין פּאָליטיק, זעענדיק פֿאַר זיך בלויז זיין אייגענעם צווייג. אַזאַ צעטיילונג פֿאַרשווינדט שוין אַפֿילו פֿון די קלאַסישע לענדער פֿון פֿעדעראַטיווע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרבאַנדן, ווי די פֿאַראייניקטע שטאַטן, למשל. אין דער אינטעגראַלערווירטשאַפֿט פֿון אונדזער צייט, אין וועלכער אַלע צווייגן זענען פֿאַרבונדן מיט זיך, פֿאַרבונדן מיט זייער גורל, קאָן נישט געמאָלט זיין בכלל אַזאַ סעפּאַראַטיסטישע פּאָליטיק. על אחת כמה וכמה קאָן עס נישט געמאָלט זיין אין אַ קליינער מדינה, אין אַן אַנטוויקלונגס־מדינה, וואָס האָט נאָך נישט קיין ווירטשאַפֿטלעכע זעלבשטענדיקייט, ווי אונדזער מדינה.

אין דער זעלבער מאָס דאַרף אונדז אָבער קלאָר זיין, אַז מיר שטייען, ווייזט אויס, ביים סאַמע סוף פֿון דער עקסטרעם־אוניפֿאָרמירטער לוין־פּאָליטיק און דער פּראַקטישער אויסטייטש פֿון דעמאָקראַטיזאַציע אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אויף דעם געביט ליגט אין דעם, אַז אין די גרענעצן פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער פּאָליטיק, וואָס וועט באַשטימט ווערן אין אַלגעמיינע שטריכן, זאָלן די פּרטים פֿון דער לוין־פּאָליטיק דיסקוטירט און באַשטימט ווערן אין די לאַנדישע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און אַז דער לאַנדישער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַרבאַנד, וואָס איז דירעקט דער נוגע לדבר — ער זאָל עס פֿירן אונטערהאַנדלונגען און דעם געראַנגל דורכצופֿירן זיינע באַשלוסן.

מיר האָבן טאַקע דאָס יאָר אַריבערגעשריטן די באַשטימטע לוין־פּאָליטיק. די גורמים דערצו האָבן מיר שוין ברייטער פֿריער אַרומגערעדט. דאָך איז נישט פֿאַראַן איצט, גראָד ווי פֿריער, קיין שום

לאַגישער און באַרעכטיקטער מעסטער צו הייבן דעם לוין, ווי די נאַציאָנאַלע אויסגיביקייט.

און די גאַנצע לוין־פּאָליטיק וועט זיין ווירדיק און צוועקמעסיק, אויב זי וועט זיין ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן אין אַן אַלגעמיינעם און גרונטיקן פּלאַן פון לוין, רווחים און שטייערן פאַר דער גאַנצער ווירטשאַפט.

יח.

ביי אַלע טענות, וואָס מיר האָבן צו פאַרשידענע גרופּן פון הסתדרות־חברים צוליב פּריצת־גדר — דאַרפן מיר זיך אַליין קלאָר זאָגן וועגן איין וויכטיקער זאַך: מען דאַרף שאַפן ראַמען פאַר די לוינען, אָבער נישט ווייניקער — אויך פאַר רווחים. מיר ווילן פאַרמאָגן די קראַפט איינצוהאַלטן און אָפּצוואַרפן נישט באַרעכטיקטע פאָדערונגען וועגן לוין־העכערונג, ווען די חברים פון דער הסתדרות וועלן האָבן דאָס געפיל, אַז מיר אַלע — די רעגירונג און די געזעלשאַפט — ווירקן מיט דער זעלבער קראַפט צו באַגרענעצן די רווחים. מען קאָן כסדר איבערצייגן דעם אַרבעטנדיקן אין לאַנד, אַז מען טאָר נישט פאָדערן קיין לוינען איבער די כוחות פון דער ווירטשאַפט. ס'איז נישט צו גלויבן, אַז דער כלל אַרבעטנדיקע אין ישראל, וואָס זיין גייסטיקער ניווא און דער ניוואָ פון זיין אַחריות איז פון די העכסטע צווישן די אַרבעטנדיקע פון דער וועלט — אַז דער כלל וועט נישט פאַרשטיין דעם טייטש פון האַנדלס־דעפיציט; וועט נישט פאַרשטיין די באַדייטונג, אַז דער אונטערשיד צווישן אימפּאָרט און עקספּאָרט וועט דאָס יאָר דערגיין צו אַן ערך 540 מיליאָן דאָלאַר — אַקעגן

407 מיליאָן דאָלאַר אין יאָר 1963 ; אַז דער חלק פון דעפיציט אויף אַ קאָפּ פון דער באַפעלקערונג איז געשטיגן אין משך פון דעם יאָר פון 170 דאָלאַר אויף 220.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז כאָטש די רעאַלע נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע איז געשטיגן אין יעדן יאָר פון די לעצטע פינף יאָר אין דעם שנעלן טעמפּאָ פון איבער צען פּראָצענט, האָבן מיר דאָך אַ 90% פון פּראָדוקציע־וווּקס פאַרווענדט אויף צו הויבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט און די איבעריקע האָבן בלויז געדעקט די אַמאָרטיזאַציע פון די עקזיסטירנדיקע בנינים און איינריכטונגען. דאָס הייסט — אַז פון אונדזערע אייגענע כוחות האָבן מיר גאָרנישט בייגעשטייערט צום פאַרקלענערן די דיפערענציאַציע, אָדער צום אַנטוויקלען די ווירטשאַפט.

אָבער — און דאָס איז דער עיקר און דער זין פון מיינע ווערטער אין דעם קאַפּיטל — דערגרייכן אַזאַ אַלגעמיינעם באַוווּסטזיין קאָן מען נישט בלויז מיט אויפקלערונג. דאָס וועט מען קאָנען דערגרייכן ווען די אַרבעטנדיקע — פון אַלע שיכטן — וועלן זען בפירוש, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אַלץ אַרומנעמענדיקע פּאָליטיק, וואָס אירע פליכטן און געבאָטן גילטן אויף אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. אַז די רעגירונג זאָרגט פאַרן באַגרענעצן די רווחים נישט ווייניקער, ווי פאַר שאַפן אַ גרענעץ פון לוין ; אַז אויף יעדן פון די געביטן הערשט די פּראָגרעסיווע ליניע פון דער מדינה, וואָס געפינט זיך אונטער דער אָנפירונג פון דער אַרבעטערשאַפט און אַז ס׳איז נישטאָ די מינדסטע גרייטקייט מוותר צו זיין אויף אַנדערע געביטן, גראָד ווי ס׳איז דאָ אַ פעסטקייט ביים רעאַליזירן די פּאָליטיק פון לוינען.

נאָר אין אַזאַ אַלץ אַרומנעמענדיקער פּאָליטיק, וואָס ווערט דורכ־געפירט קאָנסעקווענט און סיסטעמאַטיש; וואָס אין איר אויספאָרמירן און פאַרווירקלעכן האָט אַן אַקטיוון חלק די הסתדרות — נאָר אין אַזאַ פּאָליטיק וועט די הסתדרות קאָנען דורכפירן איר דאָפּלטע אַח־ריות: די אחריות לגבי דעם אַרבעטנדיקן, וואָס שענקט איר צוטרוי; און די אחריות לגבי דערווירטשאַפט, לגבי דער אַנטוויקלונג און לגבי די נאַציאָנאַלע טענדענצן פונעם לאַנד, וואָס בויט זיך אַליין און בויט די ווירטשאַפט אין אַ צושטאַנד פון באַלאַגערונג.

יט.

כדי צו אילוסטרירן וואָס עס איז געווען מיין כוונה, וועל איך דאָ לייענען פראַגמענטן פון איין דאָקומענט, וואָס קאָן דינען ווי אַ ביישפּיל, ווי אַזוי ס'ווערט פּלאַנירט אַזאַ אַלץ־אַרומנעמענדיקע פּאָ־ליטיק און וואָס עס דאַרף זיין דער אָנטייל פון דער אַרבעטער־הסת־דרות אין איר פאָרמירן, אין באַשטימען איר וועג, אין אַלע פּרטים: באַשטייערונג, רווחים, באָדן־פּאָליטיק און אַנטוויקלונג אין אַלע איבעריקע שטחים פון דער ווירטשאַפט. אין דעם דאָקומענט ווערט געזאָגט:

„די אויפגאַבן פון דער רעגירונג אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט איז: צו דערגרייכן און דורכצופירן אַ גיכן וווּקס אין דער פּראָ־דוקציע און אין די רעאַלע הכנסות, פאַרבונדן מיט פולער באַשעפ־טיקונג. די אויפגאַבע אויפן סאָציאַלן געביט איז: צו פאַרזיכערן, אַז די פּרוכטן פון פאַרשנעלערטן וווּקס זאָלן אַזוי פאַנאַנדערגעטיילט ווערן, זיי זאָלן באַפרידיקן די סאָציאַלע נויטן און די געזעלשאַפט־

לעכע גערעכטיקייט. אויף אַזאַ אופן וועט געשאַפן ווערן אַן אַלגע־מיינער צוטרוי אין דער צוועקמעסיקייט פון נאַציאָנאַלן פּלאַן און דער יחיד וועט זיין גרייט מאַקסימאַל זיך בייצושטייערן כדי אויסצו־פירן דעם פּלאַן.

„די רעגירונג וועט צוגרייטן און רעאַליזירן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פאַר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אַ שטאַרקערער טראָפּ וועט גע־שטעלט ווערן אויפן פאַרשטאַרקן די אויסגעביקייט. די רעגירונג וועט סטימולירן און פאַרשטאַרקן די פּאָליטיק, וואָס צילט צו אַנטוויקלען דעם טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס אין דער אינדוסטריע, צו באַזייטיקן שלעכטע פירעכצער און נישט דערלאָזן אויסצונוצן צום שלעכטן די מאָנאָפּאָלן, הייבן די ראַציאָנאַליזאַציע, באַגרענעצן פאַרשווענדע־רישקייט און פאַרביליקערן די איבערגעטריבענע פּרייזן.

„די רעגירונג וועט שאַפן אַ קאָנטראָל־אַפּאַראַט איבער די פּרייזן־וואַקלונגען און אויף פאַרשידענע מינים הכנסות. ס׳וועלן אויך אָנ־גענומען ווערן פּיסקאַלע און אַנדערע שריט קעגן אַלע איבערגעטרי־בענע רווחים — אין פאַרגלייך צום אַלגעמיינעם וווּקס אין די הכנסות פון די אַרבעטנדיקע.

„גלייכצייטיק דערמיט זאָלן זיך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און די אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטס־געבער מתחייב זיין צו ווירקן צום פאַרשטאַרקן די קאָנקורענץ־פעיקייט פון דער אינדוסטריע, הויבן די אויסגעביקייט און ראַציאָנאַליזאַציע, מיטן ציל צו פאַרגרעסערן די ריינע נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע, כדי צו דערמעגלעכן דאָס הייבן די אַרבעטס־לוינען. זיי דאַרפן זיך אויך מתחייב זיין אָפּצוהיטן די סטאַ־בילקייט פון די פּרייזן״.

דאָס איז אַ דאָקומענט, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן מיט אַן ערך אַ חודש צוריק דורך דער אַרבעטער־רעגירונג אין ענגלאַנד, ווי אויך דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און בריטישע האַנדלס־קאַמערן. אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט האָבן: אין נאָמען פון דער רעגירונג פון איר קעניגלעכער מאַיעסטעט — דזשאָרדזש בראַון; אינעם נאָמען פון קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — דזשאָרדזש וודקאָק; אין נאָמען פון דער פאַריייניקונג פון די בריטישע האַנדלס־קאַמערן — טשאַרלס ריי.

אַזאַ אַלגעמיינע באַשטימונג פון דער עקאָנאָמ׳שער פּאָליטיק איז אויך אונדז נייטיק, זייער נייטיק.

כ.

דער אין עצם פּאָזיטיווער פאַקט, אַז אונדזער באַוועגונג באַשטימט פּאַקטיש סיי די פּאָליטיק פון דער רעגירונג, סיי פון דער הסתדרות, שאַפט אַ געוויסע אידענטיפיקאַציע, וואָס פאַרטונקלט צייטנווייז די נויטווענדיקייט פון רעגולערע און אויספירלעכע באַטראַכטונגען צווישן די מדינה־גורמים און די הסתדרות־גורמים וועגן די גרונט־פּראָבלעמען פון דער ווירטשאַפט און דער עקאָנאָמישער פּאָליטייק בכלל. אָבער אַזאַ אַלגעמיינע באַשטימונג פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק איז פאַר אונדז לעבנס־וויכטיק. איר פאָרם וואָלט איך רעזומירט אין אייניקע גרונט־שטריכן:

1. צו די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס פון מלוכהשער פּלאַנירונג זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע, אַ שותּפותדיקע פאַר דער רעגירונג, דער הסתדרות און דער באַפּול־

מעכטיקטער פאַרשטייערשאַפט פון דעם כלל אַרבעטס־געבער אין לאַנד, כדי צו קאָאָרדינירן די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די אַלע כוחות.

2. די לויך־פּאָליטיק וועט אין אַלגעמיינע שטריכן באַשטימט ווערן פון דער הסתדרות איין מאָל אין צוויי יאָר, — ווי ס'איז אָנגענומען — און זי וועט זיין אַן אינטעגראַלע טייל פון דער לאַנדישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס באַשעפטיקט זיך אויך מיט די פראַגן פון אַנטוויקלונג און באַשעפטיקונג, עקספּאָרט און אימפּאָרט, דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן, דירעקטע הכנסות, קרעדיט און פרייזן, רווחים און סובסידיעס, סאָציאַלע און מלוכהשע דינסטן וכדומה.

3. לויך־העכערונגען וועלן באַשטימט ווערן אַלס פּועל־יוצא פונעם וווקס פון דער ריינער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע. די מאָס פון העכערונג וועט באַשטימט ווערן אין דורכשניט, אין די גרענעצן צווישן מינימום און מאַקסימום. דערביי וועט מען זיך מוזן רעכנען מיט דער עקאָנאָמישער מעגלעכקייט פון געגעבענעם צווייג און מיט דער נויטווענדיקייט צו קאָאָרדינירן די מאָס פון לויך־העכערונג אין דינסטן, מיט דער העכערונג אין די פּראָדוקציע־צווייגן.

נאָר אויב ס'וועט זיין אַזאַ באַשטימונג און אויב זי וועט פעסט דורכגעפירט ווערן גלייכצייטיק אין אַלע שטחים — וועט מען קאָנען דערוואַרטן אַ גרעסערן צוטרוי און מיטאַרבעט פון די אַרבעטנדיקע. אפשר אפילו פון דעם חלק אַרבעטער, וועלכן מיר האָבן היינט דערמאָנט אַלס צעשטערער פון סדר.

כא.

אייניקע ווערטער וועגן די אַרבעטנדיקע אַקאַדעמיקער.

מיר מיינען, אַז ס׳איז געקומען די צייט צו פאַרוואַנדלען דעם אַקאַדעמישן אַרבעטער צווישן אונדז אין אַ תושב אין דער גאַנצער קאָנסטעלאַציע פון הסתדרותישן לעבן אין איין ברייטער ראַם פון אַ הסתדרות פון אַרבעטנדיקע אַקאַדעמיקער — אין דער אַלגעמיינער הסתדרות. דאָס דאַרף געטון ווערן אויפריכטיק, מיטן בולטן באַ־ווּסטזיין, אַז די אַקאַדעמיקער האָבן אַ ספּעציעלן ניואַנס אין זייערע פּראָפעסיאָנעלע ענינים, וואָס פאַרדינט אונדזער סיסטעמאַטישע אויפמערקזאַמקייט, לאו דווקא אין די טעג פון קריזיסן.

דאָס פּראָבלעם פון די אַקאַדעמיקער איז נישט געבוירן געוואָרן אין די לעצטע צוויי יאָר און אין תוך איז עס נישט געוועזן ווייניקער שאַרף און דרינגענדיק מיט אייניקע יאָר פריער. אויף דעם געביט, — אפשר מער ווי אויף יעדן אַנדערן — דאַרפן מיר אויסקוקן אויף דער צוקונפט. פריער צי שפּעטער — און די ווייל פון לאַנד און זיין אַנט־וויקלונג פאַרלאַנגט פון אונדז עס זאָל זיין וואָס פריער — וועלן מיר האָבן צו טון מיט נייע צענדליקער טויזנטער אַרבעטנדיקע אַקאַדע־מיקער — אויף אַלע געביטן פון דער פּראַקטישער און פאָרש־ווי־סנשאַפט. די טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונג גיט דעם וויסנשאַפט־מאַן שליסל־פּאָזיציעס אין אַנטוויקלען די ווירטשאַפט, אַנטדעקן נאַטור־אוצרות, אויסברייטערן די מעדיצינישע דינסטן א.אַ.וו.

מיר האָפן, אַז דאָס שאַפן פון אַן אַקאַדעמישער הסתדרות עפנט דעם וועג צו פאַרשטאַרקן די דאָזיקע שותפות און צו פאַרשענערן זי.

כב.

אייניקע ווערטער וועגן די אַרבעטער־קאָמיטעטן.

ווייזט אויס, אַז ס׳זענען נייטיק געווען אייניקע אַנטצינדונגען אויף די אַרבעטס־פּלעצער — איך האָב אין זינען אַנטצינדונגען פון אַ געזעלשאַפטלעכן באַדייט — כדי זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער גאַנצער וויכטיקייט פון ערשטן הסתדרותישן קעמערל: דעם אַרבעטער־קאָמיטעט אויף דער אונטערנעמונג. אין אַ פאָרש־אַרבעט וועגן די אַרבעטער־קאָמיטעטן — דורכגעפירט און פאַר־עפנטלעכט דורכן אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמישער און סאָציאַ־לער פאָרשונג, — ווערן געברענגט זייער אינטערעסאַנטע מסקנות וועגן דער פּאָזיציע פון אַרבעטער־קאָמיטעט. איך וועל זיי נישט אַלע אויסרעכענען, אָבער די תמציתדיקסטע און פאַראַכאַפּנדיקסטע אין פרט פונעם אָרט, וואָס דער אַרבעטער־קאָמיטעט פאַרנעמט אַלס הסתדרותישער אויטאָריטעט אויפן פּלאַץ, איז די פאָלגנדיקע באַ־צייכנונג:

„די מערהייט קאָמיטעטן זעען זיך אַלס פאָרשטייער פון דער הסתדרות אין דער אונטערנעמונג, אָבער בלויז די מינדערהייט איז גרייט אָנצונעמען די אויבערהאַנט פון דער הסתדרות — אַ זאַך, וואָס באַווייזט דאָס איבערוקן זיך פון דער איינשטעלונג פון קלאַסן־דערגרייכונגען, צו אינדיווי־דועלע דערגרייכונגען״.

די סאָציאָלאָגן האָבן אַ טבע זיך אויסצודריקן מיט וויסנשאַפטלעכע טערמינען. אָבער דער פשוטער זין דערפון איז, אַז ס׳איז אין אַ גרוי־סער מאָס פאַרלוירן געגאַנגען דאָס געפיל פון פאַרבינדונג פונעם אַר־

טיקן קאָמיטעט מיטן כלל. ווען ס׳ווערט שוואַכער די פאַרבינדונג, ווערט שוואַכער אויך די אויבערהאַנט.

ס׳איז נישטאָ קיין שום סיבה מיר זאָלן נישט דערגרייכן אין די אַרבעטער־קאָמיטעטן יענע מאָס פון המשכדיקייט און ניווא, וואָס איז געווען פון שטענדיק אָן אין די קאָמיטעטן אין דעם הסתדרותישן געוועב אויף יעדן אָרט. דאָס אַנטוויקלען די אידענטיפיקאַציע צווישן חבר און דער הסתדרות קאָן און דאַרף געמאַכט ווערן קודם־כל מיט דער הילף פון יענע 40—50 טויזנט חברים פון די אַרבעטער־קאָמי־טעטן, וועלכע קאָנען ווערן די טרעגער פון הסתדרותישן וואָרט און דערגרייכונגען. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַן ענגע דערציערישע און אויפקלערישע פאַרבינדונג מיט יעדן איינעם מיטגליד פון די אַר־בעטער־קאָמיטעטן אויף די אַרבעטס־פּלעצער — און דאָס וועט זיין פון איצט אָן איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון אונדזער אויפ־קלערונג־און אָרגאַניזאַציע סיסטעמען.

כג.

מיר ווערן איצט גערופן צו אַ סאָציאַלן אויפשוווּנג, אין וועלכן ס׳וועט אונטערגעשטראָכן ווערן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנ־צער הסתדרות צו די שוואַכערע שיכטן אין אונדזערע רייען. אַזוי ווי ס׳איז נויטווענדיק דאָס צוימען די שטאַרקע, אַזוי איז אויך נויט־ווענדיק דאָס שטאַרקן די שוואַכע. די שוואַכע שיכטן אין אונדזער געזעלשאַפט דאַרפן פילן אויף זיכער, אַז די הסתדרות איז זייער אָנשפּאַר. אַ גרויסע מענטשלעכע דראַמע פון געראַנגל פאַר די עלע־מענטאַרע עקזיסטענץ־באַדערפנישן, שפּילט זיך אָפּ אין אַ סך אַנט־

וויקלונג־ראַיאָנען און שטאָטישע פעריפעריעס, אין אָרעמקייט־ראַ־יאָנען. מיר הערן וועגן דעם בלויז דאַן, ווען ס'קומט אַן אומגליק.

מיט אייניקע וואָכן צוריק האָבן מיר געהערט אין ראַדיאָ אַ שמועס מיט אַ פרוי און מוטער אין קרית־גת — נאָכן אומגליק דאָרט — און אין שמועס האָט מען כסדר געהערט זיך איבערחזרן דעם אויפ־טרייסלענדיקן פאַקט פון פאַראייניזאַמקייט: „קיינער האָט אונדז נישט געהאָלפן", „אפילו קיין איינער נישט".

איז אויב ס'איז נייטיק אין די שטאַרקע שיכטן, וועגן וועלכע כ'האָב פריער גערעדט, אַ פאַרטיפטע דערציִונג־אַרבעט, אַן אויפקלע־רונג און דאָס אַנטוויקלען די דיסציפּלין. כדי אומצוקערן זיי דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע — זענען אין די שוואַכע שיכטן פון אונדזער ציבור קודם־כל נייטיק מעשים. אויך דערציִונג, אויך אויפקלערונג, אָבער קודם כל פלייסיקע מעשים, אַרומנעמענדיקע, וואָס זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין גאַנצן פּלאַן, אַ באַגרענעצטן אין צייט, וועלכער וועט זיך שטעלן איין ציל: צו דערהייבן די שיכטן מאַטעריעל, געזעלשאַפטלעך און קולטורעל.

דער פּלאַן פון סאָציאַלן אויפשוווּנג, וואָס די הסתדרות דאַרף נעמען אויף זיך, — אַלס פאָדערנדיקע, איניציִרנדיקע און אויפגעפּאָדערטע גלייכצייטיק — דאַרף זיך אין דער זעלבער צייט קאָנצענטרירן אויף עטלעכע שטחים:

- **הייבן דעם גרונט־לוין פון אַרבעטנדיקע אין פּראָדוקציע־צווייגן.**
- **אויסגלייכן די סאָציאַלע באַדינגונגען פון די אַרבעטנדיקע**

אין די פראָדוקציע צווייגן מיט די, וואָס זענען פאַראַן אין די דינסטן.

- פאַרבעסערן די לאַגע פון פיל־קינדערדיקע משפחות.
- מיט אַלע כוחות אונטערשטיצן די פּלענער פון בויען פאַר די איינוווינער פון די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן און אויס־ברייטערן זייערע דירות.
- אויסברייטערן די קינדער־היימען פאַר קינדער אין עלטער ביז דער צוואַנגס־בילדונג זיי זאָלן קאָנען אַריינגעמען צו־גאָבלעך טויזנטער קינדער אויף די פעריפעריעס און אין אַנט־וויקלונג־ראַיאָנען.
- שאַפן נייע מעגלעכקייטן פאַר נישט־עלעמענטאַרער פאַך־אויסבילדונג און אַנדערע בילדונג־מעגלעכקייטן אין די אַנטוויקלונג־שטעטלעך.
- אַ געזעלשאַפטלעכע און וואָלונטערע אָנשטרענגונג צו פאַרוואַנדלען די אַנטוויקלונג־שטעטלעך אין לעבעדיקע און אַליין זיך אויסהאַלטנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזמען.

דאָס איז אונדזער ציל פאַר דער נאָענטסטער צייט. אין דעם ענין איז די גאַנצע הסתדרות אַ געאייניקטע מחנה. איין מחנה אין קאַמף קעגן אָפּגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט.

כד.

און עפּעס צו דער דיסקוסיע וועגן די פראַגן פון אַראַבישן ישוב. זייט די אַראַבישע אַרבעטער זענען אַריין אין דער הסתדרות אַלס פולבאַרעכטיקטע חברים, איז אונדזער חוב לגבי זיי געוואָרן נאָך

קלאָרער און אויסדריקלעכער. ס'איז נישט בלויז אַ פראַגע פון חוב, וואָס מיר קומען זיי לויט אונדזערע סטאַטוטן. מענטשלעכע מאָטיוון — קודם כל — און צוזאַמען דערמיט: געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָ־נאַלע מאָטיוון זענען מחייב אויך די הסתדרות צו באַשטימען אַ מער אַקטיווע פּאָליטיק פאַר איר טעטיקייט אין אַראַבישן ישוב.

די זאָרג פאַר דער אַראַבישער יוגנט און איר צוקונפט — אַ יוגנט, וואָס שטייט אויפן שוועל פון אַריינטריט אין דער הסתדרות — דאַרף אונדז באַאומרואיקן און דערפירן צו מעשים, וואָס זאָלן זיין געצילט צו פאַרוואַנדלען די יוגנט אין אַ קאָנסטרוקטיוון און פּראָגרעסיוון גורם אין דער אַראַבישער געזעלשאַפט.

אין די ראַמען פון דער הסתדרותישער טעטיקייט און דערגרייי־כונגען, וועלן מיר דאַרפן דורכפירן פאָלגנדיקע ענינים:

1. פאַרענדיקן דעם פּראָצעס פון איינגלידערן די אַראַבער אין די פאַרשידענע אינסטיטוציעס און אָפּצווייגן פון דער הס־תדרות, קודם כל: אין וועד הפועל פון דער הסתדרות, אין די אַרבעטער־ראַטן, אין די פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיווע אינסטי־טוציעס, אין דער באַוועגונג פון דער אַרבעטנדיקער און לע־רנענדיקער יוגנט און אין „הפועל".

2. העלפן לעזן די דירות־פּראַגע פאַר די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין די גרויסע אַרבעטס־צענטרען — אויסער זייערע וווין־פּלעצער — דורך אויסבויען אַן אַרבעטער־האָטעל און אַ ספּעציעלן האָטעל פאַר יוגנט אינעם ראַיאָן תל־אָביב־יפו, ווי אויך אַ האָטעל אין חיפה.

3. צוגרייטן די אַראַבישע אַביטורענטן פון מיטל־שולן זיי

זאָלן קאָנען איינגעגלידערט ווערן אין די הסתדרותישע און מלוכהשע אונטערנעמונגען אַלס באַאַמטע און אָנפירער. צו דעם צוועק דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַ צענטער פאַר צוגרייטן אַן אַפּאַראַט פון אַראַבישע אַרבעטער פאר דער הסתדרות און פאַר געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — לויטן מוסטער פון דעם אינסטיטוט, וואָס מיר האָבן געעפנט ערשט מיט אַ וואָך צוריק, צו אַנטוויקלען די אַרבעטנדיקע אין פאַרשידענע הסתדרותישע דינסטן. אַזאַ אינסטיטוט, וואָס וועט אַריינגעמען צענדליקער יוגנטלעכע מיט מיטלער בילדונג, אָדער ענלעכס, קאָן נישט בלויז צוגרייטן אַרבעטנדיקע צו אַ דירעקטער אַרבעט אין דער הסתדרות; ער קאָן אויך ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער כוח פון אויפשטייג אין דער גאַנצער אַראַבישער געזעלשאַפט.

4. אויסצוברייטערן די מעגלעכקייטן פון פאַך־אויסבילדונג און צוגרייטונג פאַר דער יוגנט פון אַראַבישן ישוב.

5. פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אין די אַראַבישע ישובים, סטימולירן די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע און דינסטן־קאָאָפּעראַטיוון; סטימולירן האַנטווערקער און קליין־אינדוסטריע אין די דערפער און שטאַרק זיך באַמיען צו שאַפן פאַבריקן אין די צענטרען פון אַראַבישן ישוב.

6. אויסברייטערן די נעץ פון אַמבולאַטאָריעס פון קופּת־חולים אין די אַראַבישע דערפער.

7. אויפבויען הייזער פאַר דער הסתדרות און אירע אינ־

סטיטוציעס אין די אַראַבישע דערפער פון גליל, אין דריי־עק און אין ראַיאָן פון נצרת.

8. אויסברייטערן די ספּאָרט־טעטיקייט אין די אַראַבישע דערפער דורך שאַפן דאָרט די נייטיקע איינריכטונגען.

כה.

וועגן דער אַרבעטער־ווירטשאַפט:

מיט אַן ערך צען חדשים צוריק האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע סעסיע פונעם הסתדרות־ראַט געווידמעט די פראַגן פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט און מיר האָבן דאַן געהאַט די געלעגנהייט, פאַר דעם דאָזיקן ראַט, אויפצוקלערן און אויסצואַרבעטן די גרונט־ליניעס פון אונדזער פּאַרטיי־שטעלונג צום קאָמפּלעקס פראַגן פון דער ווירטשאַפט — אַלס אַריינפיר צום באַהאַנדלען אַלע פראַגן פון דער הסתדרות אויף דער איצטיקער קאָנפערענץ.

דער חלק פון דער אַרבעטנדיקער התיישבות, דעם קיבוץ און מושב — וואָס זענען אויך די הויכפּונקטן פון געזעלשאַפטלעכער דערגרייכונג אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט — האָט אויף יענעם ראַט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט און האָט זוכה געווען צו אַ ברייטער דיסקוסיע. דאָס זעלבע — די צאָלרייכע צווייגן פון דער ווירטשאַפט. וועלן מיר ער איצט נישט איבערחזרן.

1. דער פּראָפּאָרציאָנעלער אָנטייל פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט אין דער עקאָנאָמיק פון דער מדינה האָט זיך כמעט נישט געענדערט אין די לעצטע צען יאָר. נישט געקוקט אויף דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט אין לאַנד, זענען מיר נישט אָפּגעשטאַ־

בען — נישט פונעם פּראָדוקציע־שטאַנדפּונקט און נישט לויט דער צאָל באַשעפטיקטע.

2. די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט שטייגט איבער 25% פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער ברוטאָ־פּראָדוקציע.

3. די אַרבעטער־ווירטשאַפט באַשעפטיקט 210 טויזנט אַרבעטנדיקע, ד.ה. 40% פון אַלע פּרנסה־געבערס — מיטגלידער פון דער הסתדרות און אַרום 25% פון אַלע פּרנסה־געבערס אין לאַנד.

4. אין די דריי יאָר פון 1961 ביז 1964 האָט די אַרבעטער־ווירטשאַפט אינוועסטירט אין די אַנטוויקלונג־ראַיאָנען 150 מיליאָן ל״י, נישט רעכנענדיק די אינוועסטיציעס אין דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע פון דער התיישבות.

5. ס׳איז אָפּגעהיט געוואָרן דער גרונטיקער פּראָדוקטיווער כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט און פון דעם שטאַנדפּונקט שטייט זי בראש פון דער גאַנצער ווירטשאַפט אין דער מדינה: די פּראָדוקציע־צווייגן אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע באַטרעפן 44% אין דער חברת העובדים, אַנטקעגן 34% אין דער ווירטשאַפט פון גאַנצן לאַנד.

6. אין דעם עקספּאָרט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן — ציטרוסן און אַנדערע צווייגן — דערנענטערן מיר זיך צו די 50% פונעם גאַנצן עקספּאָרט פון דעם סעקטאָר.

7. אין די לעצטע צוויי יאָר זענען אַנטשטאַנען 28 נייע קאָאָפּעראַטיוון. די אַלגעמיינע צאָל קאָאָפּעראַטיוון דערגייט איצט ביז 170 און זיי באַשעפטיקן ביי די 4 טויזנט אַרבעטנדיקע.

8. ס׳איז פאָרגעקומען אַ וויכטיקע אַנטוויקלונג — אין אַ געוויסער

מאָס: אַ רעוואָלוציאָנערע — אין דער אַרבעט פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע. די לעצטע יאָרן קאָנען באַצייכנט ווערן אַלס איבער־גאַנג פון דער קליינער צרכניה צום סופּערמאַרקעט.

9. די לוינען און סאָציאַלע באַדינגונגען פון די אַרבעטנדיקע אין אונדזער זעלבשטענדיקער ווירטשאַפט זענען ווייניקסטנס מיט 10% העכער, ווי אין אַנדערע אונטערנעמונגען, באַזונדערס — אין דער אינדוסטריע.

10. ס׳קומט ווייטער פאָר דער פּראָצעס פון רעאָרגאַניזאַציע אין די צענטראַלע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — אין דער ריכטונג פון פונקציאָנעלער פאַנאַנדערטיילונג. אין רעזולטאַט פון דער פאַ־נאַנדערטיילונג, וואָס איז בשעתו געמאַכט געוואָרן צווישן דער אינ־דוסטריע און בוי־וועזן אין „סולל־בונה״, וועלכע האָט דערפירט צו דער זעלבשטענדיקייט און פאָרשריט פון „כור״ — ווערט איצט גע־מאַכט עפּעס ענלעכס אין „המשביר המרכזי״, אָפּטיילנדיק די אינ־דוסטריעלע טעטיקייט אין אַ באַזונדערער געזעלשאַפט „המשביר לתעשייה״.

די אַלע ציפערן און פאַקטן, וועלכע כ׳האָב דאָ געבראַכט, זאָגן עדות, אַז די אַרבעטער־ווירטשאַפט האָט אַנטפלעקט די מעגלעכקייט נאָכצויאָגן די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון דער מדינה און איז גע־בליבן געטריי צו אירע יסודותדיקע קען־צייכנס:

1. די פעסטע פּראָדוקטיווע באַזע.
2. זיין דער חלוצישער אָרעם פון אַנטוויקלונג פאַר דער מדינה.
3. ווענדן זיך צו די אָפּגעשטאַנענע ראַיאָנען און שאַפן אין זיי באַשעפטיקונג־מקורות.

4. זיין אַן אָנשפּאַר אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק מיטן צוימען די פּרייזן.

אָבער דער גורל און די צוקונפט פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט וועלן נישט דעצידירט ווערן בלויז מיט איר פּאַרנעם און אַפילו נישט בלויז מיטן אָפּהיטן די פריער דערמאָנטע וויכטיקע קען־צייכנס. איר גורל און איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג — פונעם קוק־ווינקל פון די געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן און שטרעבונגען פון דער ישראלדיקער אַרבעטס־באַוועגונג — וועלן מיר דער צייט באַשטימט ווערן:

א. אין דער מאָס פון פּאַרווירקלעכן די געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן, וואָס זענען איר געשטעלט געוואָרן דורך אירע גרינדער, זי זאָל ווערן אַ פונדאַמענט פאַר אַ פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פון אַרבעטנדיקע;

ב. אין דער מאָס פונעם באַגרייפן און אָנערקענען דורך אַלע אַרבעטנדיקע — און בעיקר דורך די באַשעפטיקטע אין דער דאָזיקער ווירטשאַפט גופא — אָט די באַשטימונג, און איבער אַלץ: אין דער מאָס פון אידענטיפיקאַציע מיט איר — יענע פּערזענלעכע אידענטיפיקאַציע מיט דער הסתדרות, וואָס מיר זעען דערין דעם גורל און די צוקונפט פון דער ישראלדיקער אַרבעטס־באַוועגונג — נישט בלויז אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט.

דער אַרבעטנדיקער אין לאַנד פילט נישט אויף אַ דירעקטן אופן די אידענטישקייט צווישן אים און דעם פּרעכטיקן ווערק, אין וועלכן מיר זעען אויך — און מיט רעכט — איינעם פון די שטאַרקסטע אָנשפּאַרן אין דעם פּראָפעסיאָנעלן געראַנגל. נאָך ערגער: ס'איז שווער צו זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע געפיל הערשט ביי די אַרבעטנדיקע

פון אונדזערע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען גופא. דאָס איז דער שווערפּונקט פון די פּראָבלעמען פאַר אונדזער ווירטשאַפט, נישט דווקא די פראַגע פון כמות. **די פּראָבלעמען זענען פּראָבלעמען פון דער** געזעלשאַפט.

איך וויל גלייך פעסטשטעלן: עס פעלן אונדז נישט קיין דער־גרייכונגען אויף דעם געביט אין די פאַרשידענע אָפּצווייגן פון דער ווירטשאַפט. ובכן:

- אַלס רעזולטאַט פון דער אַקציע אָפּצושאַפן די לוין־אַרבעט אין די קאָמוניקאַציע־קאָאָפּעראַטיוון, זענען אין משך פון די לעצטע פיר יאָר אַרום טויזנט לוין־אַרבעטער אַנגענומען געוואָרן אַלס חברים. דער פּראָצענט פון שטענדיקע לוין־אַרבעטער איז אין די דריי צענ־טראַלע קאָמוניקאַציע־קאָאָפּעראַטייוון (אגד, דן און המקשר) גע־פאַלן פון 35 אין יאָר 1961, אויף 20 — אין יאָר 1964.
- ס'האָט זיך פאַרויסגערוקט די אַקציע פון דער קאָאָפּעראַטיוון־צענטראַלע — און מיר העלפן איר אין דעם — צו אָרגאַניזירן די לוין־אַרבעטער אין די קיבוצישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע וועלן שותפים מיטן קיבוץ אויף צו פירן די אונטערנעמונג.
- מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז שוין רעאַליזירט געוואָרן די אַרבעטער־שותפות אין דער אָנפירונג פון איינער פון די גרעסטע הסתדרותישע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען — אין „פעניציאַ". בקרוב וועט עס רעאַליזירט ווערן אויך אין אַ 5—4 אַנדערע אונטערנעמונגען, מיט דער טענדענץ אויסצוברייטערן די דאָזיקע שותפות אויף אַלע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרותישער ווירטשאַפט.

* די קיבוצישע באַוועגונג האָט אַ סך בייגעשטייערט צו דער געזעלשאַפטלעכער און ווירטשאַפטלעכער פאַרשטאַרקונג, שאַפנדיק דעם „בונד פון דער קיבוצישער באַוועגונג“, איינע פון די וויכטיקסטע אַנטוויקלונגען, וואָס שטייגט ווייט אַריבער די ווירטשאַפטלעכע גרענעצן בלויז.

* ס'איז דאָ אַן ערנסטער אָנהייב צו פאַרקלענערן די לוין־אַרבעט אין דער קיבוצישער לאַנדווירטשאַפט.

* אַ ספעציעלע קאָמיסיע איז געשאַפן געוואָרן דורכן קאָאָפּעראַטיון־פאַרבאַנד כדי אויסצופאָרשן די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, אויף צו פאַרבעסערן פעלערן, נאָכמער — כדי אויסצומיידן זיי.

* ס'זענען געשאַפן געוואָרן די אָפּטיילונגען פאַר משתּף זיין די אַרבעטער אין דער אָנפירונג פון די אונטערנעמונגען, פאַרן ליקווידירן די לוין־אַרבעט אין דער קיבוצישער באַוועגונג און אין דער פּראָצודיר־קאָאָפּעראַציע און אין די דינסטן. וועגן די ערשטע אַרבעטן פון די אָפּטיילונגען און זייערע דערגרייכונגען, האָב איך שוין פריער דערמאָנט.

* אָבער דאָס ליקווידירן די געזעלשאַפטלעכע פעלערן און פאַרשטאַרקן די אידענטיפיקאַציע מיט זיין אונטערנעמונג פון אַרבעטנדיקן אין אונדזער ווירטשאַפט, פאָדערן פון אונדז נאָכמער אַן אַלגעמיינע אָנשטרענגונג. אונדזער פּלאַן אויף דעם געביט איז, אין אַלגעמיינע שטריכן, פאָלגנדיקער:

וואָס שייך שותפות —

אין די הסתדרותישע פאַבריקן, ווו ס'וועט רעאַליזירט ווערן זוי געהעריק די שותפות, וועלן די אַרבעטער האָבן אויך אַן אָנטייל אין די רווחים.

וואָס שייך לוין־אַרבעט —

אין די קאָאָפּעראַטיון: אין המשך פון דער אַקציע צו לעזן דאָס פּראָבלעם פון דער לוין־אַרבעט, וועט באַגרענעצט ווערן די צאָל לוין־אַרבעטנדיקע אין יעדן קאָאָפּעראַטיוו. איך וואָלט פאָרגעשלאָגן, אַז זייער אָנטייל זאָל באַשטימט ווערן לויט דער צאָל חברים. ס'וועט אויך באַשטימט ווערן אַ מאַקסימאַלע הויך פון יאָרן, וואָס אַ לוין־אַרבעטער קאָן אַרבעטן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און ס'וועט פאַרזיכערט ווערן דאָס אָננעמען דעם אַרבעטער אַלס חבר אין קאָאָפּעראַטיוו נאָכן דערגרייכן דעם באַשטימטן מאַקסימום פון יאָרן.

אין דער אַרבעטנדיקער התיישבות: די חברת־עובדים וועט זאָרגן, אַז אין אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, וואָס קאָנען נישט געפירט ווערן בלויז דורך די חברים פון קיבוץ אָדער פון זייער קיבוצישן שטראָם — זאָל ווערן אַ שותף אַן אַלגעמיינע הסתדרותישע אינסטיטוציע, אַ שוין־עקזיסטירנדיקע, אָדער אַזאַ, וועלכע וועט צו דעם צוועק געגרינדעט ווערן אויף באַדינגונגען, וואָס וועלן באַשטימט ווערן דורך דער הסתדרות.

וואָס שייך אַרבעטס-באַציונגען —

וועט געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס וועט צו־זאַמענגעשטעלט ווערן פון פאָרשטייער, וועלכע אַרבעטן אין די הסתדרותישע פאַבריקן און פון די דירעקציעס פון די אונ־טערנעמונגען. די קאָמיסיע וועט זיך מטפּל זיין מיט אַלע פראַגן, פאַרבונדענע מיט די אַרבעטס־באַציונגען אין די אונ־טערנעמונגען פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט — באַציונגען וואָס זענען ערגעץ־ווו נישט פריי און נישט ריין פון פאַר־שידענע פּגמים.

אויב ס׳וועלן אַנטשטיין חילוקי־דעות, וועלן זיי אַריבערגע־טראָגן ווערן אין די אויטאָריטאַטיווע הסתדרותישע אינס־טאַנצן — דער אָפּטיילונג פאַר פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און דער וועדה המרכזית.

וואָס שייך דער ווירטשאַפטלעכער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פּאָליטיק, ווי אויך דער פּאָליטיק פון פּלאַנירונג און אַנטוויק־לונג —

* ווערט געשאַפן אַ פּלאַנירונג־צענטער אין חברת העובדים, וואָס זיין אויפגאַבע וועט זיין צו פּלאַנירן די טעטיקייט פון די אָפּצווייגן אויף אייניקע יאָר פאָרויס, לויט די באַדערפעניש̄ן פון דער ישראלדיקער ווירטשאַפט און באַזונדערן אינטערעס פון דער חברת העובדים.

* די אַלגעמיינע פינאַנץ־פּאָליטיק פון דער חברת העובדים — אַריינגערעכנט דאָס באַשטימען די וויכטיקייט־היעראַרכיע אויפן געביט פון אינוועסטיציעס — וועט באַשטימט ווערן אין

פאַרבינדונג מיט דער פּאָליטיק פון אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט.

★ דאָ, אַזוי ווי אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, וועט דורכגעפירט ווערן דער כלל: צענטראַליזאַציע אין פּלאַנירן און באַשטימען די פּאָליטיק און דעצענטראַליזאַציע אין דער אחריות און אויספירונג. אין דער צייט ווען די אַנטוויקלונג־פּאָליטיק, פּלאַן פון אינוועסטיציעס, אינסטרואירונג, ריכטליניעס און אויפזיכט וועלן זיין אין די הענט פון דער הויפּט־אָנפירונג פון יעדער צענטראַלער לאַנדישער ווירטשאַפט־אינסטיטוציע, וועט די אחריות פאַרן דורכפירן די פּלענער ליגן אויף דער אָרטיקער אָנפירונג.

★ איבער דעם אַלעם — אויפזיכט און קאָנטראָל און נישט בלויז פאַר דער אַרבעטער־ווירטשאַפט. מיטן פאַרצווייגט ווערן פון דער טעטיקייט, איר אויסברייטערונג און באַקומען מער פאַרבן, איז אויך געקומען די צייט צו פאַרוויניקן די הסתדרותישע קאָנטראָל אין איין אָרגאַניזם, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע און ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און צו פאַרזיכערן, אַז דער באַריכט זאָל יעדעס יאָר פאָרגעשטעלט ווערן דעם וועד הפּועל.

די אַלע ענינים דאַרפן מען אָנהויבן צו רעאַליזירן אָן אָפּהאַלט, ווייל דער ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער שוווּנג און די דינאַמיק זענען נייטיק פאַר דער דאָזיקער ווירטשאַפט נישט בלויז כדי זי צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן, נאָר אויך פאַר איר עצם

קיום. ווייל דער גייסט פון אויפשוווּנג אין דער ווירטשאַפט באַדייט: אויפצוכאַפּן דעם גאַנצן פּאַרנעם פון די לאַנד־באַדערפנישן און צו באַפרידיקן זיי. דאָס מיינט — אַ חלוצישער גייסט אין די אַנטוויק־לונג־ראַיאָנען; אַ דרייסטקייט, וואָס וועט באַזייטיקן די געפּערלעכע רוטין — אַפילו אין די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען. די דאָזיקע ווירטשאַפט האָט נישט קיין צוקונפט און קיין באַרעכטיקונג, אויב זי זאָל נישט זיין פון איצט אָן טאָג־טעגלעך אָנגעפירט אין דעם גייסט.

כו.

וואָס שייך די מאָדנע שטימען, וואָס מען הערט צייטנווייז — קולות פון ספיקות, צייטנווייז אויך גוטע עצות — וועגן דער איבעריי־קייט פון דער עקזיסטענץ פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט אַלס וועזנט־לעכער טייל פון דער הסתדרות; וועגן דער נויטווענדיקייט אָפּצו־טיילן זיך און וועגן דער טובה, וואָס וועט דערפון אַרויס פאַרן פּראָפעסיאָנעלן געראַנגל, אויב ס׳וועט טאַקע אָפּגעטיילט ווערן אונ־דזער ווירטשאַפט — צו די אַלע וועל איך זאָגן:

נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן און ענדערונגען איז נאָך נישט געשען קיין שום זאַך, וואָס זאָל צעטרייסלען דעם גרונט־פּרינציפּ פון דעם הסתדרותישן באַשאַף: דאָס צוזאַמענבינדן דעם פּראָפעסיאָנעלן געראַנגל מיטן שאַפן אַ ווירטשאַפט און פוןביידע — מיט קעגנ־זייטיקע חברישע גאַראַנטיעס.

ס׳איז נישט געשען קיין שום וועזנטלעכע זאַך, וואָס זאָל אויפ־צווינגען אויף אונדז די מסקנה, אַז ס׳איז בעסער פאַר דער הסתדרות, — בעסער פאַר דער מדינה און בעסער פאַר די אַרבעטנדיקע גופא —

אַז ס׳זאָל אָפּגעריסן ווערן די אַרבעטער־ווירטשאַפט פונעם גוף פון דער הסתדרות און מיר זאָלן להבא עקזיסטירן בלויז אַלס פּראָפּעס־יאָנעלער פאַרבאַנד. ס׳איז נישט געשען קיין שום זאַך — סיידן אפשר אונדזער מעכטיקער ווקס — וואָס זאָל באַווייזן, אַז די גרונט־קאָנצעפּציע פון אונדזער באַוועגונג וועגן דער דאָזיקער דריי־איינִיקייט — האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו פון די אמתע באַ־דערפנישן פון אַלע דריי פריער־דערמאָנטע גורמים: די הסתדרות, דעם אַרבעטנדיקן און די מדינה. קיינער וועט אונדז נישט איבער־צייגן, אַז אין דער מדינה איז ווייניקער נייטיק די אַרבעטער־וויר־טשאַפט פאַר דער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס פונעם לאַנד, ווי ס׳איז געווען נייטיק פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה. קיינער וועט אונדז נישט איבערצייגן, אַז דער כאַראַקטער פון קאַפּיטאַליסט האָט זיך גרונט אויס געענדערט נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה און אַז ער איז היינט, מער ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט ,גרייט צו גיין אין די פּיאָנערישע אַנטוויקלונג־ערטער, אין וועלכע זיינע רווחים זענען נישט פון פאָרויס און באַלדיק געזיכערט.

אמת, ס׳זענען אַנטשטאַנען שוועריקייטן. צווישן אַנדערע דרינגען די שוועריקייטן אַרויס פונעם פאַקט, אַז אונדזער ציבור אַרבעטנדיקע איז ווייניקער דערציִעריש צוגעגרייט פאַר אַלע אויפגאַבן פון דער אַרבעטס־באַוועגונג, ווי עס זענען געווען די גרינדער. אונדזער אמתע ווידערשטאַנדספעיִקייט וועט אויסגעפּרוווט ווערן נישט דורך דעם, וואָס מיר וועלן אָפּשאַפן אָדער מותר זיין אויף אַ פּרינציפּ, ווייל ס׳זענען אַרויסגעשוווּמען גרעסערע שוועריקייטן, ווי אַמאָל, צו פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ. אונדזערע מעגלעכקייטן וועלן אויס־

געפרוווט ווערן דורך דעם וואָס מיר וועלן באַווייזן זיך צו פאַרמעסטן מיט די דאָזיקע שוועריקייטן.

כז.

איצט וועלן מיר איבערגיין צו דער פילגעשטאַלטיקער דערציונג־אַרבעט.

ווער עס באַטראַכט די הסתדרותישע פּראָבלעמען מיט ווייטערן בליק, מוז איינזען דעם וווקס פון דער וויכטיקייט פון יענער דריי־איניקייט, וואָס איז איין גאַנצקייט — דעם גייסטיקן קאָמפּלעקס, וואָס באַשטייט פון דריי גרונט־ענינים: דערציונג, בילדונג, אויפקלע־רונג.

דאָס שאַפן די מלוכהשע בילדונג מיט צען יאָר צוריק, איז געווען איינער פון די וויכטיקע שריט אויפן דויערנדיקן וועג פון פאָרמירן אונדזער מלוכהש לעבן. ווער עס רעדט היינט — צוליב וועלכן מאָ־טיוו עס זאָל נישט זיין — וועגן צוריק אומקערן זיך צו דער עקזיס־טענץ פון שטראָמען אין דער דערציונג, האָט אפשר בדעה אונדז צו פירן פאָרויס, אָבער פירן פירט ער אונדז אויף צוריק. איז לאָמיר אויפהערן די רייד וועגן „שטראָמען״. אויף דעם וועג וועלן מיר זיך נישט אומקערן.

אמת איז אָבער, אַז זייט ס׳זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די שטראָ־מען און ס׳האָט אויפגעהערט צו ווירקן דער אַרבעטער־שטראָם אין דער דערציונג — האָבן מיר זיך צו גיך צוריקגעצויגן פון אַנטוויקלען און פאַרטיפן זיך אין דערציונג־פראַגן.

א. מיר האָבן נישט גענוג געטריישאַפט — און אויך ברען — כדי

צו זאָרגן, אַז דער פּונקט אינעם געזעץ וועגן מלוכהשער דערציונג, וואָס דערמעגלעכט אויף אַ צוגאָבלעכע דערציונג צו אַרבעט, צו חלוציזם אינעם לערן־פּראָגראַם — אַז דער פּונקט זאָל ווי גיכער רעאַליזירט ווערן.

ב. נאָך דער צעטיילונג אויף רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע דערציונג, האָבן מיר ווי רעזיגנירט פון דער גרויסער צאָל הסתדרות־חברים, וואָס ווילן געבן זייערע קינדער אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג. די רעליגיעזע שול איז געוואָרן אידענטיש מיט אַ געוויסער רעלי־גיעזער פּאַרטיי.

לאָמיר זאָגן קלאָר און דייטלעך: מיר זענען נישט פּאַראינטערע־סירט און נישט גרייט אָנצונעמען דעם מצב ווי אַ גזירה פון הימל (כאָטש עס רעדט זיך וועגן רעליגיעזער דערציונג). קודם כל זענען מיר שטאַרק פּאַראינטערעסירט אין ממשיך זיין די דערציונג צו אַרבעט, צו חלוציזם, מיט דער ספּעציעלער אונטערשטרייכונג פון דער שליחות, וואָס איז באַשטימט פאַר דער יידישער אַרבעטס־באַוועגונג.

אָנצייכנענדיק די דערציונג־פּאָליטיק פון דער הסתדרות פאַר דער צוקונפט, וועלן מיר זיך לאָזן פירן פון די צוויי מאָטיוון. מיר וועלן אַ באַזונדערן טראָפּ לייגן אויף זאָרגן פאַר די עלטערן־קרייזן, פאַר־פולקומען די לערער, אַנטוויקלען אַ טראַדיציאָנעלן טאָן אין דער אַלגעמיינער מלוכה־שול און דער עיקר: מיר וועלן זיך באַמיען צו אַנטוויקלען די נעץ פון איבער־עלעמענטאַרע שולן, פאַך־שולן און אַנדערע — אין גייסט פון די אידעאַלן, וואָס באַגייסטערן אונדזער באַוועגונג.

אין דער זעלבער מאָס וועלן מיר זאָרגן, אַז די פּראַקטפולע נעץ

פון פאַך־שולן, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט — „עמל" — מיט אירע ברייטע אַנטוויקלונג־פּלענער, זי זאָל אויך צוגרייטן פאַר אונדזז יונגע מענטשן נישט בלויז מיט באַשטימטע טעכנישע פאַכן (אַן אויפגאַבע, וואָס מען דאַרף דאָ נישט אונטערשטרייכן איר וויכטיקייט), נאָר זי זאָל זיך אויך פאַרוואַנדלען אין אַ דערציִונג־אינסטרומענט פון ערשטן קלאַס אָן ביזן פאַרענדיקן די לימודים אין דער פאַך־שול.

און פון דער דערציִונג, וועלן מיר איבערגיין צו דער בילדונג אין אַלגעמיין.

כח.

מיר וועלן אויף אַ לענגערער מעטע זיך נישט קאָנען דערלויבן, אַז דער גרויסער, פאַרצווייגטער אַפּאַראַט, וואָס באַדינט אונדזער ציבור, זאָל נישט זיין באַוואָפנט מיט דער מאָס פון אַלגעמיינער בילדונג, וואָס איז אַ נויטוועדיקייט אין אונדזער צייט כדי צו פירן עפנטלעכע דינסטן אין אַלע זייערע צווייגן.

מיר געפינען זיך אין ברען פון אַ טעכנאָלאָגישער תקופה, וואָס מאַכט אַן איבערקערעניש אין די ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע באַגריפן — אין גאַנצן לעבנס־סיסטעם. אונדזער עקאָנאָמישע ווירטשאַפט וועט נישט קאָנען אויסהאַלטן אַ לענגערע צייט, אויב זי וועט זיך נישט צואייגנען מיט דער מעגלעכסטער שנעלקייט די טעטיקייט־פּרינציפּן, וואָס זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן דורך דער נייער תקופה. אויך די אָרגאַניזאַציע פון אונדזער אַרבעט און דאָס אויסזען פון אונדזער געזעלשאַפט וועלן זיין אָפּגעשטאַנען, אויב מיר וועלן נישט צופּאַסן צו אונדזערע באַדערפנישן די דערגרייכונגען פון אַט

דער איבערקערעניש. קודם־כל — אויב מיר ווילן נישט באַווייזן צו גיין מיט איר טריט ביי טריט. דאָס איז נישט חל בלויז אויף דערווירטשאַפט, דאָס איז חל אויף אַלע אַרבעטס־געביטן, אַפילו אויף דער בלויזער מעגלעכקייט פון צווישן־באַציונגען מיט מענטשן און אויף אונדזער פאַרשטיין אין דער צוקונפט דעם געבילדעטן יונגן דור, וואָס וועט אויפקומען אין לאַנד.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז אונדז מחייב שוין איצט צוצוגרייטן אַ פאָרש־אַרבעט און ברייטן פּלאַן אויפסניי אויסצובילדן טויזנטער אַרבעטער צום אָנקום פון די ענדערונגען — און זיי מוזן אָנקומען — אין דעם גאַנצן ווירטשאַפטלעכן און אינדוסטריעלן געבוי מיטן וווּקס פון דער אויטאָמאַציע.

אָבער נישט ווייניקער דערפון איז נויטווענדיק אַ טיפערע אידעישע אויסבילדונג פון שפיצן פון אונדזער אָנפירונג און אָרגאַניזאַציע כמעט אין אַלע צווייגן פון אונדזער אייגענער ווירטשאַפט, אין פראָ־פעסיאָנעלן פאַריין, ווי אויך אין אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אינסטי־טוציעס. מיט אַ צייט צוריק האָבן מיר מודיע געווען וועגן אונדזער פּלאַן וואָס שייך הויכבילדונג. איך וויל, אַז די קאָנפערענץ זאָל וויסן וועגן אונדזער אַריינטריט אין דעם געביט מיט דער פולער מאָס פון אונדזערע מעגלעכקייטן.

א. מיט אייניקע חדשים צוריק האָבן מיר, צוזאַמען מיט דער קאָאָפּעראַטיוון־צענטראַלער און אַרבעטס־מיניסטעריום, דערעפנט די ערשטע אין ישראל שול פאַר קאָאָפּעראַציע. די ערשטע פּרווו־חדשים האָבן אונדז שוין באַוויזן, אַז ס'איז דאָ אַן אָרט פאַר אַנטוויקלען און אויסברייטערן די דאָזיקע אייגנאַרטיקע צוגרייטונג.

ב. מיט אַ וואָך צוריק האָבן מיר דערעפנט דעם אינסטיטוט אויף צוצוגרייטן דעם אָנפיר־אַפּאַראַט פאַר די פאַרשידענע אָפּצווייגן פון דער הסתדרות און מיר האָבן בדעה אים צו אַנטוויקלען אין אַן אַר־בעטס־אוניווערסיטעט. אים וועלן דאַרפן ענדיקן הונדערטער אָנפירער פון אַרבעטן און אַרבעטנדיקע אויף פאַרשידענע אָנפירנדיקע שטאַפּ־לען — אין אַ קאָנצענטרירטן לימוד, מיט אַן אינטערנאַט, אין משך פון אַן ערך אַ האַלב יאָר.

ג. דער אוניווערסיטעט־אינסטיטוט פאַר אַרבעט — אין די ראַמען פון תל־אביבער אוניווערסיטעט־שטעטל — וועט זיין דער צענטער פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט און די צוגרייטונגען צו זיין דערעפנונג ווערן געמאַכט זייער אַקטיוו. ער וועט דערעפנט ווערן דאָס יאָר אין אָקטאָבער. מיר וועלן אויך שאַפן אַ קאַטעדרע פאַר אַרבעט אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים און מיט דער צייט אויך אין אַנדערע הויכשולן פון לאַנד.

מיר האָפן, אַז דערמיט וועלן מיר עפנען אַ ברייטן טויער פאַר קינדער פון סאָציאַל־אָפּגעשטאַנענע שיכטן און פון פאַרשידענע עדהס, וואָס האָבן ביז איצט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן פאַר הויכביל־דונג, זיי זאָלן זיך קאָנען פאַרפולקומען, דערווערבן וויסן און איינ־זאַפּן די גרויסע אידעען פון דער ישראלדיקער אַרבעטס־באַוועגונג.

כט.

איצט וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע.

די שיטות פון אונדזער פּראָפּאַגאַנדע, וועלן זיך דאַרפן צופּאַסן צו דער איינציקער צענטראַלער ליניע, וואָס האָט פאַר אַ ציל צו שאַפן

אַ דירעקטע פאַרבינדונג צווישן דער הסתדרות מיט אירע טעטיקייטן, צווישן די פּראָבלעמען וואָס באַשעפטיקן זי, די געראַנגלען וואָס ווערן געפירט פון דער הסתדרות פאַרן כלל — און צווישן דעם אַרבעטער אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ.

ס׳איז קיין ספק נישט, אַז מיר וואָלטן נישט דערגרייכט אַזאַ שיכט פון געזעלשאַפטלעכער אָנפירונג אין דער נייער עלייה, אין די אַנט־וויקלונג־שטעטלעך און אין די נייע אַרבעטער־ראַטן, ווען נישט דער סיסטעם פון אונדזער אויפקלערונג און דערציונג, וואָס האָט אין שנעלן טעמפּאָ צוגעשטעלט קאַדרן פון אַקטיוויסטן אויסצופילן די רייען פון דער געזעלשאַפטלעכער אָנפירונג.

די וואָס באַשעפטיקן זיך ביי אונדז מיט אויפקלערונג־פראַגן מוזן די פּראָפּאַגאַנדע פאַרוואַנדלען אין אַ גורם צו פאַרשטאַרקן די פער־זענלעכע אידענטיפיקאַציע פונעם אַרבעטער מיט זיין הסתדרות, און געבן אים דאָס געפיל, אַז נישט בלויז וואָס איז נישטאָ קיין שום מחיצה צווישן דער הסתדרות און אים, נאָר אַז ער און די הסתדרות זענען איינס.

ל.

אין קרייז פון די אויפגאַבן איז פאַרגעזען אַ באַזונדער אָרט פאַר דער טעטיקייט צווישן דער יוגנט.

דאָס אַריינבעמען נייע טויזנטער פון יוגנטלעכע אין דער נעץ פון פאַך־אויסבילדונג, דאָס אַנטוויקלען געזעלשאַפטלעכע צענטרען אין די אַנטוויקלונג־שטעט און פעריפעריעס — מיט דעם באַשעפטיקן מיר זיך שוין איצט און די הסתדרות וועט זיך מוזן צוגרייטן צום פאַר־שטאַרקן די טעטיקייט.

לא.

מיר דאַרפֿן זיך אויך שאַפֿן אַ נייעם צוגאַנג צום אַריינגעמען דעם יונגן דור אין די אָנפֿירונג־סיסטעמען פֿון אַלע שטאַפּלען.

געגוג צו דערמאָנען, אַז צווישן דעם פֿערטל מיליאָן נייע ווײַלער, וואָס זענען אונדז צוגעקומען צו די וואַלן אין מאַי חודש — זענען דאָ ביי אַ 120 טויזנט יונגע, וואָס זענען אויסגעוואָקסן אין דער אָר־גאַניזירטער אַרבעטס־מחנה און זיי זענען איצט — צוזאַמען מיט די נאָענטע צו זיי אין עלטער — דער עיקר פֿונעם רוקנביין פֿון אונדזער מיטגלידערשאַפֿט.

מען דאַרף פּראַקטיש אײַנגלידערן יונגע מענטשן אין אַלע קאָנסטי־טואירנדיקע און עקזעקוטיווע אינסטיטוציעס אונדזערע און פֿאַר־שטייט זיך אויך — אין דער אָנפֿירונג, מיט אַלע אירע אָפּצווייגן. און כדי לייכטער צו מאַכן די המשכדיקייט, וועל איך פֿאָרשלאָגן, אַז ווען די הסתדרות וועט דאַרפֿן ווײַלן מיטגלידער אין וועד הפּועל און אין די אָפּטיילונגען, זאָל — אויסער דעם אײַנשליסן יונגע אין די אינסטאַנצן — זאָל אויך דער שיכט פֿון פֿאַרטרעטער באַשטיין בעיקר פֿון יונגע מענטשן, וועלכע זאָלן קאָנען פֿון דער פֿאַרטרעטערשאַפֿט דערגייין צו אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפֿטלעכע פּאָסטנס — שטופֿנווייז און אָרגאַניש.

לב.

וויכטיק איז אין די ראַמען אויך דאָס אויסברייטערן פֿון דער הס־תדרותישער דערציונג־אַרבעט אין די תפוצות. מיר האָבן אין אַלגע־מיינע שטריכן באַשטעטיקט דעם פּלאַן צו שאַפֿן אַן אינסטיטוט פֿאַרן

אויסבייט פון יידישע סטודענטן, וואָס שטודירן געזעלשאַפטלעכע און אַרבעטס־וויסנשאַפטן, זיי זאָלן קאָנען קומען אין לאַנד אַריין און דאָ פאַרטיפן זייערע לימודים אין די שטחים.

אונדזער כוונה איז צו אַנטוויקלען נייע אינסטרומענטן צו ענגער דערציערישער פאַרבינדונג און באַציונגען מיטן יונגן יידישן דור אין די תפוצות, צו דערנענטערן אָט די יוגנט צו די פראַגן פון דער ישראלדיקער אַרבעטס־באַוועגונג און איר אויפטו. דאָס אַלץ אַלס צוגאָב צו דער וויכטיקער אַרבעט, וואָס ווערט געטון דורך דער הסתדרות־מגבית אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, וואָס איז אַן אויסדרוק פון פאַרשטענדעניש און געטרײשאַפט פאַר דער זאַך פון ישראל און פון דער הסתדרות.

לג.

ס׳איז זיכער געקומען די צייט נאָכצופאָרשן דאָס אָרט און די פּאָזיציע פון דער הסתדרות און אירע אויפגאַבן — נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה.

מען קאָן דאָך נישט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען צוליב דער יידישער זעלבשטענדיקייט און דעם אָרט פון די מלוכהשע אינסטיטוציעס אין איר, זאָל אויך קיין האָר נישט ענדערן דאָס אָרט און די אויפגאַבן פון געזעלשאַפטלעכע קערפערשאַפטן — אַריינגערעכנט די וויכטיקסטע און דעצידירנדיקסטע פון די קערפערשאַפטן: די הסתדרות — פון די צייטן פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה.

דער אָבער, וואָס גלויבט, אַז די מדינה איז אַ כל־יכול און אַז

מיט איר אַנטשטיין אַלס סוווערענער אָרגאַניזם איז געקומען די צייט פון אַ הורט־אויפלייזונג און באַגרענעצונג פון געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען אין דער מדינה — פאַרקלענערט די באַדייטונג פון דער מדינה אין אונדזער צייט און פון דער לעבנסוויכטיקייט, וועלכע ס׳האָבן די טעטיקייטן פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען אין דער סוווערענער מדינה. אָבער מער פון אַלץ פאַרשטייט ער נישט די ראָל פון אַזאַ פאַרצווייגטן און טיף־איינגעוואָרצלטן אָרגאַניזם, ווי די הסתדרות — אין אַזאַ סוווערענער מדינה, ווי ישראל, וואָס האָט פאַר זיך אַזוי פיל אויפגאַבן.

קיין שום דעמאָקראַטישע מדינה אין אונדזער צייט קאָן נישט און פרעטענדירט נישט מער צו נעמען אויף זיך אַלץ און צו טון אַלץ בלויז מיטן כוח פון איר אַפּאַראַט. נישט בלויז דערפאַר, ווייל די מדינה מיט איר אַפּאַראַט זענען נישט בכוח צו באַהערשן אַלע לעבנס־געביטן פונעם לאַנד און פון דער באַפעלקערונג, נייערט ווייל דאָס משתף זיין די הסתדרות ווי אַ געזעלשאַפטלעכע און וואָלונטערע אָרגאַניזאַציע, דערמעגלעכט דעם לאַנד צו דערפילן אירע שליחותן און פליכטן — די הומאַניטאַרע, סאָציאַלע און דערציערישע; ווייל דאָס משתף זיין די הסתדרות פאַרשטאַרקט דעם געזעלשאַפטלעכן יסוד פון מדינה־קיום און פון איר אָנפירונג. די זעלבשטענדיקייט פון דער הסתדרות אין איר טעטיקייט איז דער ערשטער באַדינג, וואָס נייטיקט זיך גאָרנישט אין קיין אונטערשטרייכונג און אונטערליגט נישט בכלל קיין וויכוח. איר טעטיקייט איז פון תמיד אָן באַדינגט מיט דער מלוכהשער אחריות און פאַרן איינהאַלטן די דאָזיקע אחריות איז פאַראַנטוואָרטלעך די הסתדרות — און נאָר זי אַליין. איך זע

נישט מער קיין שום פונקציע פון דער הסתדרות, פון וועלכער זי זאָל זיך באַדאַרפן, אָדער קאָנען באַפרייען.

די הסתדרות דאַרף דערפילן אַט די אַלע אויפגאַבן, וואָס קיינער קאָן זיי נישט קוועסטיאָנירן, אָדער פּרעטענדירן אויף זיי, בתנאי: אַז אונדזער טעטיקייט וועט באַקומען דעם טאָן און די ספּעציעלע מענטשלעכע און געזעלשאַפטלעכע פאַרב, וואָס פּאַסט פאַר אונדז ווי פאַר אַ הסתדרות, וועלכע האָט פאַר זיך אַ מיסיע.

לד.

אין רעזומע וויל איך זאָגן: די הסתדרות, אַזאַ ווי זי איז, דאַרף נישט — אפילו אין דער געענדערטער ישראל־ווירקלעכקייט — בודק צו זיין אירע פּרינציפּן. מיר האָבן נישט קיין שום גרונט צו באַזייטיקן, אָדער ליקווידירן קיין איינעם פון די פּרינציפּן, לויט וועלכע די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן און עקזיסטירט אין משך פון די יאָרן. די אַלע פּרינציפּן האָבן אויסגעהאַלטן דעם פּרווו פון צייט. נישט צוליב דעם כבוד פאַר די ערשטע, אָדער איינגעשפּאַרטקייט האַלט מען אַזוי, נייערט ווייל ס'איז כמעט אין ערגעץ אויף דער וועלט נישטאָ היינט קיין אָרט פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, וואָס זאָל זיין פאַרטון בלויז אין זיינע צעכיסטישע אינטערעסן און נישט זיין איינגעוואָרצלט בכלל אינעם לעבן פון פאָלק, זיין שאַפן און אַנט־וויקלונג. אין אַ תקופה ווען אַלע טיילן פון דער ווירטשאַפט און גע־זעלשאַפט זענען ענג פאַרבונדן מיט זיך, איז דאָ נאָך ווייניקער אָרט, ווי אַמאָל, צו באַגרענעצן אויפגאַבן און צום אָפּלשיסן זיך. אונדזער זיך אַנטוויקלענדיק פאָלק — וויפל ס'זאָל נישט אויפטון די מלוכהשע

אָנשטרענגונג פאַר זיין פאָרשריט און אויפבלי — דאַרף צו האָבן דעם געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר פון דער הסתדרות מער ווי וועלכעס נישט איז פאָלק — פאַר דער פילזייטיקער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט און געזעלשאַפט. פאַרן אויספירן די גרויסע מענטשלעכע שליחותן פון איינוואַרצלען נייע עולים און פאַרשטאַרקן אַלע געזעלשאַפטלעכע רינגען, וואָס שאַפן צוזאַמען די גרויסע קייט פון דער פּראָגרעסירנדיקער מענטשן־געזעלשאַפט.

דער שליסל ליגט אין זעקס וועגן:

* אין דער דעמאָקראַטיזאַציע פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אין געבן אַ פרייערע מעגלעכקייט פון דעציזיע און אַרויפלייגן מער דירעקטע אחריות אויף די חברים.

* אין דער קאָנסעקווענטער אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיק, צוזאַמענגעשלאָסן פון לוין־רווחים־שטייערן און אין משתף זיין סיסטעמאַטיש די הסתדרות אין פעסטשטעלן די דאָזיקע פּאָליטיק אויף די אַלע דריי שטחים.

* אין אַ גרויסן סאָציאַלן אויפשוווּנג, וואָס זאָל אויפהייבן די מערכה פון די שוואַכע שיכטן אין אונדזער געזעלשאַפט — אין פּרט פון הכנסות, שיכון, דערציונג און אין גאַנצן סיסטעם פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן שאַפן, ווי גלייכע צווישן גלייכע.

* אין פאַרשטאַרקן די אַרבעטער־ווירטשאַפט און אירע געזעלשאַפטלעכע יסודות, אויסברייטערן און אַנטוויקלען זי, פאַרשטאַרקנדיק די אידענטיפיקאַציע צווישן חבר פון דער הסתדרות און זיין ווירטשאַפט, וואָס איז זיין אייגנטום און זיין שטאָלץ.

★ אין סיסטעם פון דערציונג, בילדונג און פראָפּאַגאַנדע, וואָס וועט האַלטן דאָס קינד, דעם יוגנטלעכן, דעם סטודענט, און דעם אַרבעטער אין דער פאַבריק — אַלס אָביעקט פאַר סיסטעמאַטישער דערציונג, אין שענסטן זין פון וואָרט. דער־ציונג פאַר ליבע צום לאַנד, פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטס־באַוועגונג, אָפּשאַצן אירע ווערטן — דערציונג צו באַנייטע חלוצישע דעראָבערונגען.

★ אין צונויפשמעלצן די דורות און ברייטהאַרציקן פאַרזוי־בערן די המשכדיקייט, איינגלידערנדיק פאַקטיש דעם יונגן דור אין גאַנצן סיסטעם פון אָנפירונג — ביז דער דור וועט אַליין ווערן דער קאַפּיטאַן פון דער דאָזיקער שיף, ווי ס'איז אים באַשטימט צו זיין סיי לויט די ביאָלאָגישע געזעצן, סיי לויט דער טראַדיציע פון המשכדיקייט פון דער אַרבעטס־באַוועגונג און סיי צוליב די לעבנס־באַדערפנישן פון לאַנד.

און איבער אַלץ לאָמיר זאָגן, אַז דאָס דערשיינען פון דער הסתדרות אומעטום זאָל זיין נישט בלויז דאָס דערשיינען פון אַן אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע, נייערט — און קודם כל — פון אַ ב אַ ו ו ע ג ו נ ג: אַ באַוועגונג פון מענטשן מיט בשותפותדיקע אינטערעסן און שטרעבונגען, ווו איינער טראָגט די אחריות פאַרן צווייטן און ווו די מענטשן זענען פאַרבונדן אין באַוווסטזיין פון סאָלידאַרישקייט, פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און באַשטימונג.

אויף די זעקס פּרינציפּן שטעלן מיר זיך אָפּ. מיר גלויבן, אַז מיטן

קאָנסעקוועגטן רעאַליזירן זיי עפּנט זיך אויפסניי פאַר דער הסתדרות דער וועג צו ברייטקייטן, צו נייע פּערספּעקטיוון.

און איך וועל פאַרענדיקן מיט דעם, וואָס איך האָב אונטערגע־שטראָכן ביים אָנהייב: די עפנטלעכע, אַחריותדיקע אויפקלערונג האָט אונדז נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעשוואַכט אין דער אָ קאַמפּאַניע. איך גלויב, אַז אויך די אויפקלערונגען, מיט וועלכע מיר וועלן זיך באַשעפטיקן אויף דער קאָנפערענץ, וועלן בלויז פאַרשטאַרקן די פּאַרטיי און אויפסניי דערטיילן איר בעת די נאָענטסטע וואַלן דעם דעציזירנדיקן צוטרוי פון דעם ציבור.